STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08792

TSUM TSENTN YORTSAYT NOKH MENDELE MOKHER SEFARIM

Samuel Niger

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. ניגער.

צום צענטן יאָרצייט
נאָך
מענדעלי מוכר ספרים
(שלום יעקב אבראמאָוויטש)

א קורצע באשרייבונג פון מענדעלי'ס לעבן

ארויסגעגעבן פון
י. ל. פרץ שרייבער פאראיין
ניו יאָרק, 1928

פאַר אַן אמת'ער ביאָגראַפיע פון מענדעלי מוכר ספרים איז נאָך נישט געקומען די צייט. עס זיינען נישט אויפגעזאמלט נאָך אַלע נויטיגע מאַטעריאַלן, און ניט אַלע דאַטן, וואָס זיינען פאַראַן, זיינען גענוג אויסגעפאָרשט.

א פולשטענדיג בילד פון „זיידנ'ס" לעבן, א פולע כאַראַקטעריסטיק פון זיין פערזענליכקייט וואָלט, אגב, פאַרלאַנגט מער אָרט, וויפיל מיר האָבן אין אָט די פאָר צענדליג זייטלאַך.

דאָ וועלן מיר געבן בלויז א קורצע באַשרייבונג פון די וויכטיגערע פאַקטן פון מענדעלי'ס לעבן, דער־הויפט פון יענע פּאַסירונגען, וועלכע האָבן געווירקט אויפ'ן אינהאַלט און גייסט פון זיין שאַפן.

די קורצע ביאָגראַפיע ווערט אַרויסגעגעבן פון דעם „י. ל. פרץ שרייבער פאַראיין" אין ניו יאָרק, צום צענטן יאָרצייט נאָך מענדעלי מוכר ספרים.

מענדעלע מוכר ספרים (ש. י. אבראמאוויטש)

א.

קינדעריאָרן.

גערבורטשטאָט, עלטערן, רביים, חברים.

מיר ווייסן אַקוראַט דעם טאָג, די שעה, ווען מענדעלי מוכר ספרים (שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, פריער ברוידע) איז נפטר געוואָרן (דאָס איז געווען שבת, אַרום פינף אַזייגער פאַרנאַכט, כ״ג כסלו, תרע״ח — 8-טן דעצעמבער, 1917). אָבער ווען איז מענדעלי געבוירן געוואָרן? זיין געבורטסטאָג איז אין ערגעץ נישט פאַרשריבן געוואָרן. ״אַזעלכע זאַכן האָט מען אַמאָל ביי אונז אידן נישט אין זינען געהאַט, בפרט נאָך אין די קליינע שטעטלאַך״ — אַזוי האָט מענדעלי אַליין דערציילט אין זיין ערשטער, העברעאישער, אויטאָביאָגראַפיע (1889). „אָבער ס'איז אָנגענומען, שרייבט ער טאַקע דאָרטן גופא, אַז איך בין געבוירן געוואָרן אין דעם יאָר תקצ״ו (1835), און אין מיין פאַמיליע האָט זיך דער 20-סטער דעצעמבער גערעכנט פאַר מיין געבורטסטאָג“...

„נאָר ביי אונז אַלעמען, די אָדעסער, שרייבט ש. דובנאָוו אין זיינע זכרונות—איז געווען אַ גרויסער ספק אין דער ריכטיגקייט פון דער רעכענונג: מען האָט דעם זיידן געהאַלטן פאַר עלטער אויף היבשע עטליכע יאָר״... „מען זאָגט“, האָט נאָך מענדעלי'ס טויט, ביים אָפענעם קבר, דערקלערט זיין זון מיכאל אַבראַמאָוויטש, — „מען זאָגט, מענדעלי איז אַלט געווען 82 יאָר, אַנדערע זאָגן, אַז גאַנצע 93. ווער ווייס עס?“

דערפאַר אָבער ווייסן מיר דעם אָרט, וואו מענדעלי איז געבוירן געוואָרן. דאָס איז קאַפּוליע, אַן אָפּגעלעגן ווינקל אין מינסקער גובערניע, סלוצקער „אויעזד“ (ווייס רוסלאַנד). ס'איז געווען אַן אָרעם, פאַרוואָרפן שטעטל, „ווייט פון טראַקט, מען זעט נישט קיין פאָטשט, מען הערט נישט קיין גלעקער“, אָבער די נאַטור אַרום איז געווען שיין: „גערטנער, פעלדער און וועלדלאַך פון ניס, אויך געמייזאַכצן, גרין באַוואָקסענע זומפן מיט פלישניק (זשאַ-ווער) און הושענה'ס, צווישן וועלכע עס רינען קוואַלן וואַסער, עם שוויבלען און גריבלען כל מיני עופות... אויף יענער זייט טאָלן, ווייטער בערג, ווייטער פעלדער, וועלדלאַך און וועלדער“ (שלמה ר' חיים'ס).

ניט איינמאָל האָט מענדעלי שפּעטער באַנוצט די נאַטור-סביבה פון קאַפּוליע ווי אַ מאָדעל פאַר זיינע

קינסטלערישע פֿייזאַזשן. אַזוי, צום ביישפּיל, דערמאָנט ער אין „פּישקע דער קרומער" (קאַפּיטל כ"ה) דעם „גרינעם באַרג" פֿון קאַפּוליע. „עפּיס, דערציילט ער, איז מיר דער גרינער באַרג אַזוי וואונדערשיין פֿירגעקומען אין מיין קינדערש קעפּל! עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער איז נישט גלאַט גראָב פֿון ערד, ווי די פּראָסטע בערגלאַך אַרום מיין שטעטל. ניין, ער איז עפּיס, ווי זאָגט מען עס, גאָר כצפּיחית... ווי דער הר הזיתים, דער באַרג לבנון, פֿון ארץ ישראל ערד"... אָט דער „ניט פּראָסטער" באַרג האָט געהייסן „שלום".

אַמאָל, אַמאָל האָבן דאָרט געלעבט ליטווישע פֿירשטן, און שלום יעקב האָט זיך אָנגעהערט אינגלוויז מעשיות און לידלאַך וועגן דעם „גרינעם באַרג", דעם „שלאָס" וואוהין ער פֿלעגט גיין מיט זיינע חברים, די חדר אינגלאַך, שפּילן אין ניס אָדער אין באַהעלטעניש שבת, יום טוב און בין הזמנים.

אויפֿ'ן גרינעם באַרג, ווי אויך אין די פֿעלדער און וועלדער אַרום קאַפּוליע, האָט ער באַקומען, האָבן מיר געזאָגט, זיינע ערשטע איינדרוקן פֿון דער נאַטור, וועלכע ער האָט שפּעטער אַזוי קונציג און מיט אַזאַ ליבשאַפֿט געמאָלן.

אָבער נישט נאָר מיט דער נאַטור, אויך מיט קהל און קהל'שע פֿירונגען, דער צווייטער גרויסער טעמע פֿון זיינע ווערק, האָט ער זיך באַקענט שוין אין די קינדעריאָרן אין קאַפּוליע.

דאָס שטעטל האָט געהערט צו אַ פּריץ, און אידן האָבן אים געצאָלט צינז, אָבער ס'איז געווען אַן איינגעפֿונדעוועטע אידישע קהלה, מיט אַן אַלטן בית עולם, מיט פּנקסן, מיט אַלע טיפּישע אידישע אַנשטאַלטן, ווי אַ שטייגער אַ שולהויף מיט קלויזן, מיט בתי מדרשים, מיט אַ תלמוד תורה, מיט אַ הקדש, מיט אַ קהלס שטיבל, מיט אַ באָד, להבדיל, מיט אַ טאַקסע, מיט כלי קודש, מיט רופאים, באַנקעס־שטעלער, אָפּשפּרעכערינס, טאַטערן, בעלי מופתים, אַ שטאָט משוגענעם און אַפֿילו אַ „מסור".

ס'איז געווען אַ שטעטל פֿול מיט אַמאָליגע אידישע פּאַראַנדקעס, אידישע חנ'דלאַך, אידישע פּרנסה'ס, אידישן דלות.

ווי אָרעם עס איז געווען אין גשמיות, איז עס געווען אָבער רייך אין תורה: „צו זיין אַ שיינער יוסטער בעל הבית איז אין ק. (קאַפּוליע), ווי מענדעלי דערציילט אין „שלמה ר' חיים'ס" — גענוג געווען צו האָבן אַ שטוב, אַ קו און עפּיס אַ שטיקל פּרנסה דערצו, אָבער צו זיין אַ פּאַרנעם, געאַכט, געליבט, איז קאַרג אַ רייכקייט, אַפֿילו אַ סך אַ גרעסערער דערפֿון. אין דער ליטע אַמאָל, היינט אפשר שוין נישט אַזוי, האָט מען געלייגט כבוד נישט אַזוי אויף געלט, ווי אויף תורה", און קאַפּוליע איז געווען „אַן אָרט פֿון תורה פֿון אייביגע יאָרן, וואו די איינוואוינער זיינען כמעט אַלע לומדים, וואו דער בית המדרש, דער קלויז

איז פול מיט בעלי הבתים און בעל־הבתימלאך, וואס זיצן און לערנען, אויך מיט ישיבה־בחורים, פרושים פון דער פרעמד, וואס פארלאזן ווייב און קינד, קנייטשן די גמרא און עסן טעג; וואו אלע פארנאכט, בין מנחה למעריב, פארקלייבן זיך ארום באזונדערע טישן בעלי־מלאכה׳ם און נאך אנדערע פונ׳ם עולם צו הערן א גוט ווארט פון די פארזאגער דארט — ביי איין טיש מדרש, ביין צווייטן עין יעקב, ביין דריטן „פסוק", ביין פערטן „חובות הלבבות" וכדומה אזעל־כע חקירה־און מוסר ספרים; וואו שבת און יום טוב ווערט פונ׳ם בעל־מימר, לעבן דעם ארון קודש געזאגט פלאמענדיגע דרשה׳ס, וואס צינדן אן דאס הארץ פון די כנסת ישראל מיט היליגער ליבע צו דער שכינה, וואס זיינען געווירצט מיט טרייסטווער־טער פון די נביאים, מיט משלים, קלוגע, שארפע גלייכווערטלאך פון די חכמים, מיט א קול, מיט א ניגון, וואס דערקוויקט, צעגייט זיך אין אלע אברים"...

אין אט דער סביבה האט שלום יעקב פארבראכט זיין קינדהייט. דא האט ער איינגעזאפט אין זיך דעם גייסט פון אמאליגער אידישקייט. דא איז ער שוין גאר אין די יונגע יארן צוגעגרייט און ראוי גע־ווארן צו קאנען באנעמען שפעטער די ביידע גע־שטאלטן פו דער כנסת ישראל — די ב י ד נ ע ק ל י א ט ש ע און דעם א ו מ ג ל י ק ל י כ ן פ ר י נ ץ.

זיינע עלטערן האבן, אזוי ווי זיין גאנצע סביבה, צוגעהאלפן אים ווערן דאס, וואס ער איז שפעטער געווארן.

זיין פאטער, ר׳ חיים משה ברוידע*), איז געווען זייער א חשוב׳ער בעל הבית אין זיין חשוב׳ער קהלה, און „אין אזא שטעטל אז מען איז זוכה צו זיין א פארנעם, מסתמא איז עס ניט אומזיסט, מסתמא איז מען גוט, פרום און געלערנט, מיט אלע מעלה׳ס". און ר׳ חיים משה, ווי זיין זון אליין דערציילט, האט געהאט די אלע מעלה׳ס. ער „איז געווען, ווי מען זאגט, אי צו גאט, אי צו לייט. זיין צייט איז געווען אפגעגעבן צו פרנסה, צו תורה און אויך צו שטאטישע זאכן. יארנלאנג אוועקגעווען א קאזיאנער רב דארט, נישט באלוינט צו ווערן דערפאר. פלעגט אויך זאגן אומזיסט א שיעור גמרא מיט פוסקים פאר יונגע לייט. זיין הויז איז געווען תמיד פול, דער אריין, יעדער ארויס. קיין זאך האט זיך נישט געטאן אן אים. וואו ערגיץ א שפארעניש, א לאדעניש, איז ער געווען דער פארמיטלער. בשעת עפיס א נויט אין כלל־זאכן, פלעגט מען אנקומען צו זיינס אן עצה און וועגן אלצדינג מיט אים זיך מישב זיין". אין אים

*) דעם פאמיליענאמען א ב ר א מ א ו ו י ט ש האט דער „זיידע" אנגענומען ערשט שפעטער.

איז געווען עפּיס פון ר׳ בנימינ׳ען, וועלכן מענדעלי האָט מיט יאָרן שפּעטער אויסגעמאָלן, אפשר טאַקע לויט דעם מוסטער פון זיין פאָטער, אין „אַן אַלטע מעשה״.

ר׳ חיים משה האָט אַ צייט לאַנג געהאַלטן די סקאַראָבקע אין שטעטל, און דער קינפטיגער מחבר פון „טאַקסע״ האָט זיך געקאָנט אַביסל באַקענען מיט איר שוין אין דער קינדהייט, אין זיין פאָטער׳ס הויז.

אויף די אסיפות, וואָס פלעגן פאָרקומען ביי זיי אין הויז, האָט מענדעלי בכלל געקאָנט זען ניט איינעם פון די פאַרשוינען, פון וועלכע ער האָט שפּעטער אַזוי אָנגעקוואָלן — און חוזק געמאַכט — אין זיינע מעשיות. זייער הויז איז געווען תמיד פול — „דער אריין, יענער ארויס״ — האָט ער זיך געקאָנט צו־קוקן צו די אַלע אידן און אידענעס, צו די אַלע בעלי בתים און קבצנים, לומדים און פּראָסטע מענטשן — און ער האָט געקאָנט זען זייער הולך, זייערע תנועה׳ס, העויה׳ס, געקאָנט הערן זייערע רייד, זייערע ווערט־לאַך, זייערע המצאה׳ס, קרעכצן און זיפצענישן.

צו זיין פאָטער איז מען געקומען נישט נאָר זיך האַלטן אַן עצה, שמועסן וועגן מסחר זאַכן און אַרומ־ריידן קהל׳שע ענינים. מען פלעגט אָנקומען צו אים אויך „בשעת, נישטדאָגעדאַכט, עפּעס אַ קראַנקהייט. קיין דאָקטאָר אין שטעטל איז נישט געווען, חוץ אַ רופא, וואָס האָט מער נישט געוואוסט ווי שלאָגן צו דער אָדער, שטעלן פּיאַווקעס, באַנקעס — — — פלעגט מען קומען מיט אַ געבעט צו ר׳ חיים׳ען ער זאָל מוחל זיין גיין דעם חולה „צו באַטראַכטן״, און ר׳ חיים, וואָס האָט ער געקאָנט טאָן, איז געגאַנגען באַטראַכטן. ביים עולם איז איינגערעדט געווען, אַז ר׳ חיים איז אַ מעטער, אַ גרויסער מבין אין דאָק־טאָריע. ער אַליין ווידער האָט זיך געהאַלטן טאַקע דרינען פאַר אַ שטיקל מבין״...

קאָן מען זיך פאָרשטעלן, וויפל מענדעלי האָט זיך אָנגעזען און אָנגעהערט אין אַזאַ מין הויז. אַן אויג צו זען און אַן אויער צו הערן האָט ער געהאַט שוין אינגלווייז. „ס׳איז אין אים געלעגן בטבע״, זאָגט ער וועגן שלמה ר׳ חיים׳ס, ד. ה. וועגן זיך אַליין, — „ס׳איז אין אים געלעגן בטבע עפּיס אַזוינס אויפ־צוכאַפּן באַלד ביים ערשטן בליק יענעמס אַ מינע, אַ וואָרט, וואָס איז עפּיס נישט אַזוי משונה ווי ביי אַנדערע. ער פלעגט וואונדערשיין נאָכמאַכן אַבי וועמען מיט אַלע פאַסטעמקעס — ווי יענער רעדט, ווי יענער שטייט און גייט, אַזוי, אַז מען פלעגט זיך האַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער, זענדיג און הערנ־דיג אים״. (אָט די פייאיגקייט נאָכצומאַכן און נאָכ־צוקרימען האָט מענדעלי ארויסגעוויזן אויך שפּעטער, ווי אין לעבן, אַזוי אויך אין זיין שאַפן, וואו ער האָט ליב געהאַט צו פאַראָדירן דעם נוסח פון אַלטע ספרים, פון תחינה׳ס, פון מלמדישע טייטשן.)

נאָך מער פון זיין פאָטער׳ס הויז, איז זיין פאָ־

טער אליין געווען וויכטיג פאר זיין דערציאונג. זיין טאטע האט אזוי ווי געפילט, אז אין זיין זון שלום יעקב ליגן באהאלטן עפעס גאר באזונדערע מעלה׳ס, ער האט אזוי ווי פאראויסגעזען אז זיין זון וועט אויס־וואקסן א גדול בישראל, האט ער זיך אפגעגעבן מיט אים מער ווי מיט אלע איבעריגע קינדער. שלום יעקב „האט פון קינדהייט אן זיך געוויזן פאר א וואוילס, א לעבעדיגס, מיט א שארף קעפל צום לערנען. אין איין יאר האט ער זיך אויסגעלערנט ביי משה שלייען גוט עברי, געלייענט גיך ווי א וואסער און אנגעהויבן חומש, ווי דער שטייגער איז, פון „ויקרא", וואס אנדערע קינדער באדארפן דערויף אוועקזיצן אין חדר א צוויי דריי יאר". האט דער פאטער אויף אים געלייגט גאר גרויסע האפנונגען, און ער האט געזוכט פאר אים גאר א באזונדער סארט מלמד. „ער האט גוט פארשטאנען, אז ביי א געהעריגן סדר לערנען אלצדינג, וואס מען באדארף, און ביי א רעכטן מלמד אין די הענט, קאן פון אזא קינד, מיט דער צייט, ווערן א לייט". אבער וואס הייסט „א געהעריגער סדר לערנען"? פון וועלטליכע למודים האט מען דאן נאך נישט געוואוסט אין אזא שטעטל, ווי קאפוליע, מען האט געלערנט גמרא און פוסקים. אפילו תנ"ך, א חוץ דעם אנהויב פון איטליכער סדרה, האט מען ניט גע־לערנט. „מען האט זיך עפעס געשייעט, עס האט עפים געשמעקט מיט אפיקורסות". אבער פאר זיין שלום יעקב׳ן האט ר׳ חיים משה געוואלט מאכן אן אויסנאם. ער איז אליין נישט געווען ענליך אויף אנדערע פרומע אידן. ער איז געווען, ווי מיר האבן געזען, א מין קאזיאנער ראבינער, האט געפירט די ביכער מיט די מעטריקעס און געהאט א שטיקל ידיעה אין חכמת הרפואה. אבער אין אנדערע זאכן איז ער אויך געווען א שטיקל מושלם. ער האט געקאנט תנ"ך און געשריבן מליצה, אפילו שירים. „פון זיי־נע בריוולאך פלעגט מען לעקן די פינגער. ער האט געהייסן צווישן זיינע אלע באקאנטע א בעל לשון". האט ער געוואלט מאכן אויך זיין געראטענעם זון שלום יעקב פאר א קענער פון תנ"ך, פאר א בעל לשון. אבער ווי מאכט מען עס? אליין האט ער קיין צייט ניט געהאט מיט אים צו לערנען, און קיין רעכטע מלמדים, וואס זאלן קענען גוט דקדוק און תנ"ך, זיינען נישט געווען. האט ער גענומען א אידן פון שטעטל, איי־נעם א יאשע ראובנ׳ס (אדער ליפא ראובנ׳ס, ווי ער רופט אים אן אין „שלמה ר׳ חיים׳ס"), און אים איינגערעדט ער זאל ווערן א מלמד, מחמת ער האט, לויט דער מיינונג פון שלום יעקב׳ס פאטער, געהאט דערצו אלע נויטיגע קענטענישן און פייאיגקייטן. ער איז געווען „איינער פון יענע מענטשן, אין וועלכע גאט האט צריינגעלייגט אלע גוטע מתנה׳ס: גייסט, הארץ און געפילן, נאר פארגעסן אבער זיי צו געבן איין קליינינקייט — מזל". ער איז געווען „א שטי־לער, א גוטער און זייער באליבט ביי איטליכן אין

דעם שטעטל. זיין כאַראַקטער, זיין וואוינונג, זיין שטייגער לעבן, זיין טאָן און אַלץ מיט אַנ'אַנדער האָט באַשיינפּערליך געוויזן, אַז אין אים איז דאָ דאָס פּינטעלע, דער ברען פון אַ קינסטלער. ער האָט געהאַט אַ האַנט צו שניצן, צו מאָלן, צו שרייבן און צו קריצן אויף קופּער און אויף שטיינער, נישט צו מאַכן דערויס אַ פּרנסה, נאָר גלאַט אַזוי, ווייל דאָס איז געווען זיין בעסטער פאַרגעניגן, ווייל עס האָט אים דערצו עפּעס געטריבן און ער האָט באַדאַרפט, געמוזט מייסטערן". ביי אָט דעם מלמד מיט דער קינסטלערישער נשמה האָט שלום יעקב געלערנט תנ"ך און דערנאָך גמרא. „בשעת דעם לערנען ביים טיש, פלעגט דער רבי זיצן אויף זיין אָרט מיט עפּיס אַן ארבייט — מאָלן אָדער שטעכן אַ חתימה'לע. נאָר דאָס האָט אָבער ניט געשאַדט צום גאַנג פון'ם לערנען. ער האָט נישקשה זיך גוט צוגעהערט. פאַרקערט, דאָס לערנען איז געגאַנגען נאָך פיל בעסער. די אַרבייט איז פאַר אים געווען דאָס אייגענע, וואָס אַ פּראָסטן בעל מלאכה אַ גוטער טרונקבראַנפן. זי האָט אים באַגייסטערט, באַלעבט, געמאַכט באַרעדעוודיג. ערשט דענצמאָל האָט ער דערקלערט אַלצדינג שאַרף, קלאָר, פון'ם מויל האָבן זיך אים געשאָטן פּערל, אין די אויגן האָט געפינקלט אַ הייליג פייערל, ער האָט געקוקט מיט ליבשאַפט עפּעס אַזוי גוט, אַזוי גוט... און דעם תלמיד פלעגט עס געבן אַ נעם, אַ ברען, אונטערגעבן אים אַ חשק, ער האָט געשלונגען איטליכס וואָרט, אויפשטעלנדיג די אויערלאַך. דאָס לערנען איז נישט געווען, ווי ביי י ע נ ע, ערגיץ אַנדערש, אַ שטייגער, אַ שווערע משא, אַ ריין אָפּקומעניש — — — ניין, דאָס איז געווען נאָר עפּעס אַ שמועס צווישן צוויי פריינד, אין וועלכן איין האַרץ פילט דאָס אַנדערע — אַ שמועס, וואָס מאַכט פאַרגעניגן אי דעם, וואָס רעדט, אי יענעם, וואָס הערט. ביידע פאַרשטייען זיך זייער גוט, און עס ווילט זיך צוברייינגען אַזוי די צייט נאָך און נאָך"... ביז טיף אין דער עלטער האָט מענדעלי געדענקט אָט דעם גוטן רבי'ן זיינעם. איז דאָך אין אים אַליין געווען עפּיס פון יאָשע ראובנ'ס פייאיגקייט צו קנעלן מאָלענדיג דערביי, צו לערנען מיט די לעזער און גלייכצייטיג שאַפן קינסטלערישע געשטאַלטן. איז ער דאָך אַליין, אַזוי ווי יאָשע ראובנ'ס, געווען אַ קינסטלער־דערציער! און ער האָט ביי זיין רבי'ן טאַקע געהאַט אַ גרויסע פּעולה.

אָבער אַז ער איז אַלט געוואָרען צען יאָר,*) האָט זיך די תורה פאַר אים ביי יאָשע ראובנ'ס אויסגעלאָזן, און ער איז איבערגעגאַנגען „אויף דעם טאַטענס הענט לערנען אונטער זיין השגחה". „דער שטייגער לער־

*) אַזוי שטייט אין „שלמה ר' חיים'ס". אין זיין פריערדיגער אויטאָביאָגראַפיע האָט מענדעלי געשריבן: „ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָר צוועלף, האָב איך פאַרלאָזן דעם חדר"...

נען זיינער איז געווען אַזוי: אַלע פרימאָרגן, באַלד נאָכ'ן דאַוונען, פלעגט דער טאַטע זיצנדיק אויף זיין שטאָט אויבנאָן אין קלויז לערנען מיט אים אַ פּרק אָדער צוויי פּרקים משניות כסדר. נאָך דעם אָנבייסן פלעגט ער בלייבן אין דער היים, צוגרייטן אין אַלקערל דאָרט דאָס לייענען, וואָס דער טאַטע האָט אים אין דער גמרא פאַרגעבן מיט תוספות און מהרש"אַ. ער האָט עס באַדאַרפט דערנאָך איבערזאָגן, אין דער היים טאַקע, אַמאָל בייטאָג, אַמאָל ביינאַכט, ווי דעם טאַטן איז אויסגעקומען, און גאָר אַמאָל פלעגט דער טאַטע אויפוועקן שלמה'לען (שלום יעקב'ן) פאַרטאָג אויך און אַוועקגיין מיט אים לערנען אין קלויז". בייטאָג איז ער אַליין געזעסן אין קלויז איבער דער גמרא. ער האָט דאַן נאָך פון קיין זאַך נישט געוואוסט, אַ חוץ די ד' אמות פון הלכה. די נייע העברעאישע ליטעראַטור איז אים נאָך געווען אינגאַנצן פרעמד. פרעמד איז אים געווען די גאַנצע גרויסע און ווייטע וועלט. אַזויווי זיין שפּעטערדיקער העלד בנימין השלישי, האָט ער געמיינט, אַז „די גאַנצע וועלט איז דאָ פאַר מיר און ווייטער פון קאַפּוליע איז אַ וויסטע מדבר: דאָרט געפינען זיך שוין די הרי חושך און דער סמבטיון מיט מאָדנע משונה'דיקע באַשעפענישן". (אויטאָביאָגראַפיע).

ער האָט נאָך אויך נישט געוואוסט, וואָס הייסט „אויסגיסן דאָס האַרץ" אויפ'ן פּאַפּיר, און „אַז דאָס געטליכע געפיל האָט זיך אין מיר דערוועקט, דערציילט ער אין זיין העברעאישער אויטאָביאָגראַפיע, האָב איך דאָס נישט אויסגעגאָסן אין מליצה אויפ'ן פּאַפּיר, נאָר בין געבליבן זיצן שווייגנדיק. געברומט און געשטורמט האָבן אין מיר די געפילסכוואַליעס און אין דער שטיל האָט מיין האַרץ געוויינט אויף דעם: וואָרום איך האָב גערעכנט, אַז דאָס איז מעשה שטן, דער יצר הרע פירט דאָס אָן מיט מיר, און מיט די זינדיקע טראַכטונגען איז ער מיר מבטל פון תורה לערנען. און כדי צו ניצול ווערן פון אים, האָב איך נישט געפונען קיין אַנדער עצה ווי דאַוונען און בעטן צו גאָט". און אַז די תפלה'ס האָבן אויך נית געהאָלפן, איז ער געגאַנגען אין „די פרייע גרינע פעלדער, אין די געדיכטע איינגעצווייגטע וועלדער", געקראָכן אויף די בערגלאַך אַרום שטעטל. אין דער פּראַכט און שטילקייט פון דער נאַטור האָט ער געזוכט צו באַרואיקן די שטאַרקע, שטורעמדיקע געפילן פון זיין אויפוואַכנדיקער פאַנטאַזיע, פון זיין אויפגעוואַכטן פרילינג. ער איז געגאַנגען צו דער נאַטור „ווי אַ חתן אַנטקעגן דער כלה"... „די כלה ווינקט זיך, לאָזט זיך אים הערן שטיל אויף אַ שושקענדיקן קולכל פון צווישן שאָקלענדיקע זאַנגען ווייץ און קאָרן; ווינקט אים דורך זשוואָווע־רירנדיקע צווייגן פון הויך געוואָקסענע בוימער; שמייכלט, מאַכט חן דורך אַ שיינענדיקן זייל שטראַלן, דורכברעכנדיק זיך צווישן דעם גרינעם ים בלעטער. זי ווייזט אים איר שיינע

רייבע גאַרדעראָבע, מאַכט אים אַ חשק אויסציען זיך
אויף גרינע מיט קווייטן־בלומען געשטיקטע קאָוויאָרן
אַ. אָז. וו. אַ. אָז. וו.״ (שלמה ר׳ חיים׳ס). ער האָט
שוין ניט געקאָנט מער פאַרברענגען דעם גאַנצן טאָג
אין בית המדרש ביי דער גמרא. עס האָט אים גע־
צויגן אויפ׳ן גאַס, צו מענטשן, ווען ער איז ניט גע־
גאַנגען אַנטקעגן „דער כלה״ — דער נאַטור. ער האָט
זיך אויסגעזוכט חברים, אינגערע און אויך עלטערע
פון אים, זיין גלייכן און נישט זיין גלייכן, איז אומ־
געגאַנגען מיט זיי און „האָט זיך אַביסל טאַקע פאַר־
געסן, פלעגט פאַרפאַלן ווערן אַמאָל און פאַרשפּעטיגן
אַהיים צו מיטאָג״. ער איז שוין ניט געווען אַזאַ
„וואויל״, תמימות׳דיג אינגעל, ווי אַמאָל. עס האָט
אין אים עפּיס געקאָכט, געיאוירט, געראַנגלט זיך מיט
זיך אַליין, נישט געלאָזט אים רוען. דאָס איז גע־
ווען די צייט, ווען אין אַ קינד הויבן אָן צו וועקן זיך
נייע כחות, נייע פאַרלאַנגען, נייע שטומע בענקעניש.
און שלום יעקב׳ן האָט אָנגעהויבן צו ציען נישט נאָר
צו פעלד און וואַלד און פויגלגעזאַנג און נייע חברים...
„פאַרפאַלן! איז אין אַ מענטש דאָ געשמאַק, געפיל,
באַהיט זאָל מען ווערן, לאָזט זיך עס נישט אַזוי גרינג
מיט דער האַנט אַוועקמאַכן. איז אים געפעלן, מעשה
שטן, די מגושם־שיינע ווערק גאָט׳ס, פּשוט, אין דער
פאָרמע, אין דער געשטאַלט, ווי זיי זיינען, זועט קיין
מוסר־ספר נישט קאָנען עס אים פאַר׳מאוסן, מאַכנ־
דיג דערפון אש, עפר ואפר... עס וועט אים, נישט
פאַר אידישע קינדער געדאַכט, עפּיס גאָר ווי אַ מאַג־
נעט, ציען, ציען, ציען... שיינע צורה׳ס, גוטע זאַכן,
זינדיגע מענטשן דערמיט צו פאַרפירן, זיינען פאַר דעם
יצר הרע אויף דער וועלט דאָ גענוג, איבערגענוג —
ווילסט נישט דאָס, נאַ זשע דיר, נשמה׳ניו, יענעס,
דאָס כלומרשט איז פע, נאַ זשע דיר, שלמה׳לע, אַ
פראַדל, אַ שענס, אַ פיינס, מלא חן!״ (שלמה ר׳
חיים׳ס). איז עס געווען אַ ליבע? ניט ער און ניט
פראַדל, וועלכע איז געווען מיט אים אין איינע יאָרן,
נאָך גאָר אַ קינד, הייסט עס, האָט ניט געוואוסט, ווי
מען רופט עס און וואָס דאָס מיינט. פראַדל איז
בכלל געווען גאָט די נשמה שולדיג, און ער — ער
האָט נאָר געוואוסט, אַז ווען ער זעט זי (און זי פלעגט
אָפט קומען צו זיי אין הויז שפּילן זיך מיט די קינ־
דער) — „גיט אים עפּעס אַ צי, אַ טיאָך דאָס הער־
צעלע, עפּיס לויפט אים ווי אַ הייסער שטראָם דורך די
אַלע גלידער, רויט און בלייך ווערט ער אויף איינמאָל!
עס ציט אים, עס גלוסט זיך אים אויף איר צו קוקן,
קוקן, נאָר, גוואַלד, רבונו של עולם, וואָס טוט מען מיט
דיר? ס׳איז דאָך אַ גרויסע עבירה!״

אָט אַזוי האָט ער זיך געראַנגלט מיט זיינע ער־
שטע ליבע־געפילן, און — „עס פאַרשטייט זיך, האָט
ער שפּעטער דערציילט, אַז שלמהלעס (שלום יעקב׳ס)
ליבע איז, אַזוי גוט ווי פאַר אַנדערע, אויך פאַר פראַד־
לען געווען אַ סוד״. און — געבליבן אַ סוד. איר גאַנ־

צע פאַמיליע האָט זיך אינגיבן אַרויסגעקליבן פון סאַפּוליע.

שלום יעקב האָט אין יענעם פּעריאָד פון זיין קינדהייט געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט די בעל מלאכה׳ס פון שטעטל, דער הויפּט מיט אייזיק דעם שמיד און הערצל קיילעס דעם סטאָליער. אין אַ נאַסן קאַלטן טאָג, ווען עס איז אים געווען אומעטיגליך אויפ׳ן האַרצן, פלעגט ער זיך אַריינכאַפּן צו אייזיק׳ן אין קוזניע, זיצן און צוהערן זיך, ווי עס פּאָכט הייזעריגליך דער געלאַטעטער בלאָזזאַק, זיצן און קוקן, ווי די פונקען „שפּרינגען, טאַנצן, ווי די רוחות". אָדער ער פלעגט אַריין צו הערצל קיילעס, פאַר וועמען די סטאָלערײ איז געווען „נישט אַזוי וועגן דער פּרנסה, ווי צוליב דעם פאַרגעניגן, וואָס ער האָט דרינען געהאַט — צו מאַכן אַ כלי". שלום יעקב׳ן זיינען זייער נאָענט געווען אָט די פאָלקסמענטשן, וואָס ביי אַנדערע אומשטענדן וואָלטן זיי געוואָרן קינסטלער און ער האָט פאַרבראַכט מיט זיי, ווי מיט זיין גלייכן. „נאָך דער גרויסער מרה שחורה, וואָס דערוואַקסענע אידן, באַווייבטע, מאַכן־אָן מיט זייערע ערנסט־פינסטערע פּנימ׳ער, מיט זייער זאָרגן אַך־און־ווײ און ביטערזויערן מוסר־זאָגן תמיד" — האָבן די געזונטע און פרייליכע בעל מלאכה׳ס אויסגעזען אין זיינע אויגן ווי אינגלאַך־שטיפער. אין זייער געזעלשאַפט האָט ער געפונען דאָס, וואָס איז ניט געווען אין דער בעל־הבית׳ישער סביבה פון זיינע עלטערן — שפּילעוודיגקייט, לעבנס פרייד, פאָלקס מעשיה׳ס און פאָלקסלידלאַך. צווישן זיי זייענדיג האָט ער זיך ניט געדאַרפט שעמען מיט זיינע אינגלשע און פּאָעטישע חפצית. זיי זיינען אַליין געווען האַלב־אינגליש, האַלב־פּאָעטיש. און די קאַפּיטלאַך, וואו ער האָט שפּעטער דערציילט וועגן זיי אין „שלמה ר׳ חיים׳ס", געהערן צו די פּרעכטיגסטע קאַפּיטלאַך פון זיין פּרעכטיגער אויטאָביאָגראַפיע... „דאָס אידיש קינד, וואָס קוים שטעלט זיך עס אויף די פיסלאַך, האָט ער דאָרט געשריבן, אידלט מען עס שוין, מאַכנדיג אויס אים אַ קליין אידל, וואָס זיין יוגנט פאַרשווינדט גיך ווי אַ חלום און ווערט, אַז אַך און וויי צו אים, פאַראומערט, געעלטערט פאַר דער צייט — אָט אַזעלכעס, נעבאַך, פילט זיך ווי ניי געבוירן אין דער געזעלשאַפט פון אַ מענטשן, וואָס איז צו אים צוגעלאָזט, ווייזט אים אַ גוטע מינע, וואָס איז אַליין אויך נאָך גאָר אַ קינד, וואָס רעדט מיט אים איין לשון, און גייט אים אַריין אין דער נשמה מיט זיינע מעשיות. דאָס קינד לעבצט נאָך אַ זעלכן, נאָך זיינס אַ וואָרט, ווי אַ דאַר גרעזעלע בשעת די גרויסע היצן נאָך אַ טראָפּן וואַסער, און ווערט צו אים צוגעזאַטן מיט לייב און לעבן. נור אַזעלכע יונג־אַלטע מענטשן אָבער איז זייער שווער ביי אונז צו געפינען — — — אייזיק דער שמיד, איינער, און הערצל קיילעס דער סטאָליער, דער צווייטער — ביידע האָבן געווירקט אויף שלמה׳ס (שלום יעקב׳ס)

גייסט, דערהאַלטן אין אים דאָס יונגע פיערל, ביידע זיינען אים געווען זייער טייער און צו ביידע האָט אים דאָס האַרץ שטאַרק געצויגן".

ביידע האָבן געוועקט און גענערט אין אים יענע ליבע צום פאָלקסמענטשן און צום פאָלקסשאַפן, וועלכע האָט זיך שפעטער אַזוי וואונדערליך פאַנאַנדערגעבליט און אַזעלכע טייערע פרוכטן געגעבן אין מענדעלים ווערק!

די קינסטלער־בעל־מלאכה׳ס, די קינדער־בעלי־מלאכה׳ס אייזיק און הערצל האָבן אַזוי ווי זיין רבי, יאָשע ראובנ׳ס, וועלכער איז אויך געווען אַ קינסטלער־נאַטור, — געהאַט אַ חלק אין דעם זייער וויכטיגן פאַקט, וואָס מענדעלי איז ניט אַוועק פון דעם פרום־פאַרצייטיגן אידישן לעבן מיט אַזאַ האַס און אַזאַ פאַרביטערטקייט, ווי אייניגע אַנדערע משכילים פון זיין דור. ער האָט פיינט געהאַט די קהל׳ס־לייט און די קהל׳שע פירונגען, ער איז געווען פול מיט צאָרן אויף די אידישע פרנסה׳ס, אָבער ער האָט אפילו אין די ערשטע ריין־משכילי׳שע ווערק זיינע געהאַט מער געדולד, ווי אייניגע אַנדערע השכלה־שרייבער, צו די פאַרשטייער פון דעם אַלטן אידישן דור. ער האָט געזען אין זיי מ ע נ ט ש ן, נישט נאָר „פאַנאַטיקער". ער האָט איינגעטיילט אידן ניט אין „פינסטערלינגען" (מורדי אור) און „אויפגעקלערטע" (משכילים, נאורים), נאָר אין אָרנטליכע און נישט־אָרנטליכע, אין אונטערדריקער און אונטערדריקטע.

אָט דעם פרייערן ברייטערן קוק אויפ׳ן פאַרצייטיג אידישן לעבן האָבן אים געהאָלפן שאַפן אַזעלכע פאָעטישע נשמה׳ס, ווי עס זיינען געווען אייזיק דער שמיד, הערצל דער סטאָליער, זיינע פריינד, און יאָשע ראובנ׳ס זיין רבי. אָבער אויך זיין פאָטער האָט דאָ געשפילט אַ ראָליע. ער האָט קיינמאָל ניט געפירט קיין קאַמף מיט זיין פאָטער. אין די יונגע יאָרן האָט זיין פאָטער תמיד געוועקט אין אים געפילן פון אַכטונג און ליבע, כאָטש ער איז געווען „אַן ערנסטער מענטש, אַ פאַרטראַכטער, אָפגעזונדערט מייסטנס פאַר זיך, זעלטן מיט אימעצן אין דער היים גערעדט אַ וואָרט". ער האָט צוגעגרייט פאַר שלום יעקב׳ן אין אַ געוויסער מאָס דעם וועג צו דער השכלה. ער האָט אים אָפגעגעבן, ווי מיר האָבן געזען, צו אַ מלמד, וועלכער האָט געלערנט מיט אים תנ"ך, דקדוק און געהאָלפן אים ווערן אַ בעל לשון, אַזוי, אַז די השכלה איז פאַר אים שפעטער געווען ניט גאָר אַ נייע, אַן אומגעריכטע זאַך, ניט קיין דורכוים פאַרבאָטענע פרוכט, וואָס האָט אין זיך גאָר אַ באַזונדער חן. איז ער ניט אַזוי שטאַרק נתפעל געוואָרן פון דער „הימלשער טאָכטער", ווי אַנדערע משכילים.

און אַז מיר האַלטן שוין ביי דער ווירקונג, וואָס עס האָט אויף מענדעלין געהאַט די סביבה פון זיין קינדהייט, ראַרפן מיר דערמאָנען אויך זיין מוטער

שרה־נעשע. זי האָט, גלויב איך, אַ שייכות צו דעם רחמנות־געפיל, צו דער סענטימענטאַלער האַרציקייט, צו דער ליריק, וואָס איז דאָ אין מענדעלים שאַפן. מיט אַ שטילער צערטליכער ליבשאַפט האָט מענדעלי זי שפּעטער געמאָלן אין „שלמה ר׳ חיים׳ס“. ער פאַר־גלייכט זי דאָרט מיט אַן אַנדער פרוי פון אַן אַנדער פאַמיליע און מאַכט דורך דעם נאָך קענטיקער די איידל־קייט פון דער נשמה, וועלכע האָט ווייכער, וואַרימער געמאַכט זיין אייגענע — און זיין פאָטער׳ס — שטרענגקייט: „ס׳איז, זאָגט ער, אַ גרויסער חילוק צווישן טויבע־סאָסיען, חנא׳ס ווייב, און דער מאַמען זיינער (שלום יעקב׳ס). טויבע סאָסיע איז אַ ברייט־ביינערדיגע, אַ יאָדערדיגע. אירע הענט, איר פּנים זיינען עפּיס מגושם א. אז. וו. אקעגן־זשע, שרה, די מאַמע זיינע, איז אַן איידעלע, אַ שוואַכע, האָט קליי־נע ווייסע הענט, מיט דינע בלויע אָדערלאַך, אַ פאַר־פרומט בלייך פּנים, מיט דינע ליפּן — אינגאַנצן עפּיס אַ רוחניות און אַז זי גייט, דוכט זיך, זי שוועבט. זי איז אַ וואוילקענעוודיגע, קען אַלע תחינה׳ס פון ארץ ישראל, א. אז. וו. לייענט דעם צאינה וראינה, דעם מנורת המאור און נאָך אַזעלכע ספרים, ווייזט ווײַ־בער אין שול צו דאַווענען, וואָס צו זאָגן, ווען צו שפּרינ־גען קדוש, לייענט זיי אויך פאָר“... „איר לייענען איז געוועזן פול מיט געפיל, איר נגונדל דערביי האָט גע־רירט, געצופּט ביי דער נשמה, אַ שטיין אפילו וואָלט פון אירע טרערן אויך צעגאַסן געוואָרן“... עס איז קלאָר, אַז זי האָט, אַזוי ווי דער פאָטער, געהאַט וואָס איבערצולאָזן אין איר זונ׳ס נשמה, וואָס איבערצו־געבן אים בירושה...

2
נאָכ׳ן פאָטער׳ס טויט.

ישיבת׳ס. — וואַנדער־יאָרן. — צוריק אין קאַפּוליע. — מעלניקי.

אָבער שלום יעקב׳ן איז ניט באַשערט געווען צו פאַרבלייבן לאַנג אין דעם הויז פון זיינע עלטערן. די געשעפטן אין שטעטל האָבן גענומען גיין שלעכט. עס איז געוואָרן אַ דוחק אין פּרנסה. האָט דער עולם אויפגעהערט צו קויפן פלייש, און ר׳ חיים משה, דער בעל טאַקסע, איז פאַראָרעמט געוואָרן, דערצו נאָך האָט ער געהאַט צרה׳ס פון זיין יונגן איידעם, וועל־כער איז געווען ביי אים אויף קעסט, זיין טאָכטער לאה האָט זיך געמוזט גט׳ן מיט איר מאַן — אַלץ אינאיינעם האָט ר׳ חיים משה׳ן פאַראומערט דעם לעבן, אים גרוי געמאַכט פאַר דער צייט, ער איז קראַנק געוואָרן און אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער גע־שטאָרבן. ער איז אינגאַנצן אַלט געווען אַ יאָר צוויי־

דריי און פערציג*). שלום יעקב איז דאַן געווען אַ בר־מצוה־בחור׳ל. די מוטער, אַן אָרימע אַלמנה מיט קליינע קינדער, האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטן די גאַנצע פאַמיליע. איז געבליבן, אַז שלום יעקב זאָל אַוועקפאָרן ערגיץ אין אַן אַנדער שטאָט לערנען און עסן „טעג״.

אָט אַזוי האָבן זיך אָנגעהויבן זיינע וואַנדער־יאָרן, — יאָרן, ווען ער האָט אַ סך געליטן, נאָך מער אָבער געלערנט.

דאָס ערשטע פרעמדע שטעטל, וואו שלום יעקב האָט געלעבט, ווען ער האָט פאַרלאָזן זיין געבורטסאָרט, איז געווען טינקעוויטש, אַ קליין שטעטל ניט ווייט פון קאַפּוליע. קיין ישיבה איז דאָרט ניט געווען, און דאָס פרעמדע בחור׳ל, דער יתום, איז אַליין נעבאַך געזעסן אין דעם ליידיגן בית מדרש און געשאָקלט זיך איבער דער גמרא. עס איז אים געווען אומעטיג, ס׳איז אים געווען שלעכט אויפ׳ן האַרצן, און ער האָט קיין הנאה ניט געהאַט פון לערנען. „דערפאַר אָבער איז אים דאָרט אַריין אין טעם, זאָגט ער, דאָס דאַווענען״. ער האָט דאָרט אַנטפּלעקט אַ נייעם כח אין דער אַלטער אידישקייט — חסידות. אין זיין געבורטסשטאָט האָט ער עס נישט געזען, נישט געקאָנט זען. אין קאַפּוליע האָט מען חסידים נישט געלאָזט האָבן קיין אייגן שטיבל, קיין אייגענעם מנין. מען האָט דאָרט אויסגעטראַכט אויף זיי די ווילדסטע בלבולים. שלום יעקב האָט געהערט ריידן וועגן זיי נאָר ווי וועגן „פושעי ישראל, ווילדע ברואים, מיני בהמה׳ס״. דאָ אין טינקעוויטש האָט ער זיך נעענטער באַקענט מיט זיי און אויסגעפונען, אַז זיי זיינען דווקא פיינע און הייסע אידן, דערהויפּט איז אים געפעלן געוואָרן זייער תפלה בכונה, זייער התלהבות און דבקות. ער איז קיין חסיד ניט געוואָרן, אָבער ער האָט אָנגעהויבן דאַווענען מיט מער טעם און מער געשמאַקקייט ווי פריער — און אָט דאָס איז געווען דער איינציגער ליכטיגער שטראַל אין דעם עלנט פון זיין דאַמאָלסטיגן לעבן.

דער שטראַל איז באַלד אויסגעלאָשן געוואָרן, דער עלנט, דער אומעט איז געבליבן.

שלום יעקב׳ס געמיט איז נאָך מער באַטריבט געוואָרן, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז מען וויל אים מאַכן פאַר אַ חתן פון אַ „געזונטער, דיקער, באַלייבטער, ברייטביינערדיגער בתולה״, דער טאָכטער פון דעם בעל־הבית, וואו ער האָט געהאַט נאַכטלעגער. די „בתולה״ איז געווען בלינד אויף איין אויג, און אים האָט זיך כסדר געדאַכט, אַז „אַ פעטע רויטע באַק מיט אַ פאַרמאַכט בלינד אויג... טראָגט זיך, שוועבנדיג אין דער לופט, צו אים אַנטקעגן״. אים איז, ווי אויף צו

---

*) אַזוי זאָגט מענדעלי אין „שלמה ר׳ חיים׳ס״. אין זיין העברעאישער אויטאָביאָגראַפיע האָט ער געשריבן, אַז זיין פאָטער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 41 יאָר.

להכעיס, געקומען אויפ'ן געדאנק פראדל און ער האט געטראכט: א „פארגלייך אביסל — אזא בוגרת — און פראדל“.

עס האט זיך אים געבענקט אהיים. פראדל איז שוין, אמת, ניט געווען דארט, אבער עס איז געווען די מאמע מיט די ברידער און שוועסטער, מיט חברים, מיט פריינד. ער האט זיך א פאר מאל געלאזט גיין צוריק קיין קאפוליע. אבער יעדעס מאל האט ער זיך אומגעקערט פון מיטן וועג. ער האט זיך דערמאנט די צרות אין דער היים, די ארעמקייט. אבער אז עס איז געקומען איינמאל סליחות צייט און עס איז אים באפאלן גאר א באזונדער אומעט און א בענקעניש, האט ער פארגעסן אן אלץ, זיך געלאזט גיין, שיעור ניט לויפן אויפן וועג, וואס פירט צו זיין געבורטסשטאט, און א פארשוויצטער, א פארסאפעטער איז ער אריינגעפאלן צו זיין מוטער אין הויז.

זיי האבן זיך געפרייט איינע מיט די אנדערע, אבער די פרייד האט לאנג ניט געדויערט. שלום יעקב האט זיך באלד דערפילט פונקט אזוי עלנט אין דער היים, ווי ווען ער איז געווען אין דער פרעמד. זייער הויז איז שוין ניט געווען דאס, וואס אמאל. „דאס הויז, וואו עס האט אמאל אים זיך גוט געלעבט, האט אויסגעזען פארוואָרלאזט, וויסט. דארט, וואו עס האט ביים פאטער'ס לעבן געקאכט, געברויזט פון מענטשן, וואו עס פלעגט פארקומען פארזאמלונגען, אסיפות וועגן שטאט־זאכן, וואו א שבת, א יום טוב האט געלויכטן, געזונגען אין איטליכס ווינקעלע, וואו עס האט זיך געהערט דברי תורה, געטליך־אידישע, הארץ־רירנדיגע זמירות — איז היינט שטיל, אומעטיג ווי אויף א בית עולם. עס טרויערן די ווענט, עס וויינט איטליכס ווינקעלע, אלצדינג דארט זעט אויס עלנט“...

שלום יעקב פארלאזט ווידער זיין היימיש שטעטל און „האבל־גייענדיג צופוס, האלב אונטערפארנדיג“, קומט ער אן אין סלוצק, וואו עס איז געווען א גרויסע ישיבה. ער קריגט שנעל „טעג“, ווארום דארט זיינען געווען א סך אידן, וואס האבן גוט געקענט און געשעצט זיין פאטער, ר' חיים משה'ן, און ער זיצט דארט אין דער ישיבה א פאר יאר צייט. אכסניה איז ער ביי איינער א אידענע שרה, וועלכע איז געווען א באבע (א הויבאם). זי האט אים פארגעלייגט א ווינקל אין איר הויז בתנאי אז ער זאל זי באגלייטן ביינאכט מיט א לאמטערנע צו די קינפעטארינס*). דאס האט אים באלד דערעסן, און ער האט זיך אפגעזוכט אן אנדער אכסניה. אבער ער האט זיך געפילט פרעמדלאך אין דער נייער סביבה.

---

*) דאס דערציילן זיינע טעכטער, אלעקסאנדרא און נאדעזשדא, אין זייערע „ערינערונגען“ („טאג“, ניו־יארק, 18טן דעצ. 1926.) אבער שטארק פארלאזן זיך אויף זיי קאן מען ניט. דאס, וואס זיי דערציילן אין „זיידענ'ס“ נאמען, איז פול מיט אומפינקטליכקייטן.

אים האָט ניט צופרידנגעשטעלט ניט דער סדר לערנען, ניט די ראש־ישיבהס, ניט די תלמידים. ביסלאַכוויז אָבער לעבט ער זיך איין מיט זיי, און זיין „לעבעדיגע נאַטור, נאָך פריינדשאַפט לעכצנדיגע נשמה, לאָזט זיך וואָס ווייטער־ווייטער אַריינציען פונ׳ם יצר הרע און חברה. ער פילט זיך שוין ניט עלנט צווישן זיינע נייע חברים און ווערט ווי זיי אַן עכטער פּאַטראָן!" ער קאָכט זיך נישט אַזוי אין לערנען און דאַווענען, אין תורה און מצוות, ווי אין נאָכגעבן דעם ישיבה־בחור׳שן יצר־הרע... „הייסט עס, אַ פּנים, האָט ער שפּעטער געשריבן, אַז דער יצר הרע האָט שלמה׳לען (שלום יעקב׳ן) אַראָפּגעפירט פונ׳ם וועג, פונ׳ם תכלית זיינעם. ער האָט אים אָנגערעדט צום שלעכטן, צו פאַרברענגען פאַר גרויס פריינדשאַפט די צייט מיט גאַרנישט — מיט חברים און חבר׳טעס, די און יענע... צו גלוסטן און עסן פונ׳ם קאַרב די ליבליכע גלוסטיגע נאַשערייען!"

אָבער לאַנג איז שלום יעקב נישט געווען אונטער דער הערשאַפט פונ׳ם „יצר הרע". ער האָט זיך באַלד אויסגעניכטערט און ווידער גענומען טראַכטן וועגן אַ „תכלית". ער האָט זיך געזעגנט מיט סלוצק און איז אַוועק וואַלגערן זיך אין אַנדערע ישיבה׳ס, ביז ער איז אָנגעקומען קיין ווילנע, וואו ער האָט געהאַט רייכע קרובים. דאָרט האָט ער געלערנט אין ראַמייִלעס ישיבה, אין גאונ׳ס קלויז. אָבער אויך אין ווילנע איז אים נישט איינגעגאַנגען דאָס לעבן פון אַן אָרעם־בחור, און, נאָכדעם ווי ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך אַזויפיל איינדריקן פון פאַרשיידענע שטעט און שטעטלאַך אין דער ליטע, קערט ער זיך אום צוריק קיין קאַפּוליע. ער איז דאַן געווען אַלט אַ יאָר פופצן, — „אַ בחורל מיט שוואַרצע געגרייזלטע האָר, אַ הויכן שטערן און ברענענדיגע אויגן".

זיין מוטער האָט דערווייל חתונה געהאַט מיט אַ צווייטן מאַן, און זי האָט געלעבט אינאיינעם מיט די קלענערע קינדער אין מעלניקי, אַ דאָרף נישט ווייט פון קאַפּוליע, וואו איר מאַן האָט געהאַלטן אַ מיל אין אַרענדע. שלום יעקב איז געבליבן אַליין אין שטעטל, און ער האָט זיך ווידער געפילט עלנט און דערשלאָגן. ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן, איבער די קלויזן, נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך. ביז זיין שטיפפאָטער האָט אים גענומען צו זיך, אין מעלניקי, און כדי צו פאַרדינען זיין שטיקל ברויט, האָט ער געקנעלט מיט די קינדער. ער האָט זיך אויך דאָרט געפילט עלנט, אָבער די געגנט אַרום איז געווען אַ שיינע — דאָס דערפל איז געווען „אַרומגערינגלט מיט גרויסע וועלדער, צווישן וועלכע עס פלייצט אַ היבשער, שיינער טייך"... „און ווען מענטשן זיינען דאָ זעלטן, עס רעשט ניט, עס קאָכט נישט, ווי אין שטעט, דערפאַר שוויבלט און גריבלט דאָ אין די וועלדער, אין די זומפּן און פעלדער אַלערליי באַשעפעניש, חיה׳ס און עופות; דערפאַר לאָזט זיך דאָ הערן אַלער־

ליי קולות: א געזאנג פון פויגל, א קראקען, א קוואַ־סען, א שמוצערן, א גרילצן, זומער, א וואיען, א היילן פון הונגעריגע וועלף ווינטער, און אמאָל א ברומען פון א פארבלאַנדזשעטן בער אויך — און אין דעם דאָזיגן קאָנצערט פארטראָגט זיך א רוישן פונ׳ם וואסער ביים אראָפפאלן אויף די רעדער, א קלאפּן, א מאָלן פון דער מיל״... און אָט דאָ, אין דער איינזאמקייט פון דעם ווילדן פארוואָרפענעם ווינקל, האָט זיך באוויזן צו אים „די מוזע״. „דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל״, האָט ער געשריבן אין זיין אויטאָביאָגראפיע, „וואָס איך האָב גענומען א פען אין האנט אריין אויף אויסצוגיסן מיין הארץ״. און ער איז געוואָרן עפּיס גאָר אן אַנדער מענטש. ער פלעגט אָפּט ארומבלאנקען זיך אין די וועלדער, צווישן די פעלדער. זיין עלטע־רע שוועסטער, וואָס איז אמאָל געקומען צו געסט קיין מעלניק, האָט געפרעגט די מוטער: „וואוהין ווערט ער עם אזוי אָפּט עפּים ווי פארפאלן?״ — „זאָל איך אזוי וויסן בייז, האָט זי געענטפערט. דעם היינ־טיגן ווינטער, וואָס ער איז דאָ ביי מיר, האָט ער פארבראכט אין לערנען. פלעגט אויפשטיין פארטאָג לערנען גמרא פאר זיך און בייטאָג — מיט די קינ־דער. די מאמע האָט גאָר אָנגעקוואָלן פון אזא זון. דאָס הארץ האָט מיר זיך געפרייט קוקנדיג אויף אים. די לעצטע צייט אָבער איז ער עפּים ווי איבערגעביטן געוואָרן. די גמרא אין דער זייט, תמיד פארטראכט, שרייבט, טינטלט, — איך זאָל אזוי וויסן פון צער, וואָס ער טינטלט אזוינס?״

ער האָט „געטינטלט״ העברעאישע שירים. ער האָט באזונגען אין זיי, אויפן שטייגער פון „ברכי נפשי״, די וואונדער, די שיינקייט פון דער נאטור. ער האָט אויך אָנגעשריבן עפּעס א סאטירישע דראמע לויט׳ן נוסח פון ר׳ משה חיים לוצאטאָס „לישרים תהלה״. „כ׳האָב אפילו נישט געוואוסט, שרייבט ער אין זיין אויטאָביאָגראפיע, וואָס ס׳איז אזוינס א דראַ־מע און האָב נאָך קיינמאָל נישט געלייענט קיין בי־כער פון דעם מין״. אויך זיין טאלאנט איז נאָך נישט רייף געווען, און זיין שרייבן דאַן איז געווען נאָר אן אויסדרוק פון זיין אינעווייניגסטער אומרואיגקייט און פון זיין נאטירליכער באדערפעניש „אויסצוגיסן דאָס הארץ אויפ׳ן פאפיר״. ער איז געווען פול מיט פראגן און ספקות. ער האָט געזוכט און נישט געקאנט גע־פינען קיין וועג. ס׳קאָן זיין אָבער, אז ס׳איז ניט קיין צופאל, וואָס שוין אין די ערשטע שוואכע פראָבעס פון זיין פען האָבן זיך ארויסגעוויזן צוויי וויכטיגע שטריכן פון זיין גאנצן שפעטערדיגן שאפן: די ליי־בע צו נאטורשילדערונגען און דאָס געניגט־זיין צו סאטירע... „זי (די נאטור) האָט זיך צו מיר אנט־פלעקט אין איר גאנצער פראכט און האָט מיך איי־בערגערעדט מיט׳ן חן פון אירע לעפצן צו גיין נאָך איר אין וואלד אריין אונטער א פרישן בוים״ א. אז. וו. דאָס האָט ער שפעטער געשריבן וועגן זיינע

ערשטע נאַטור־געזאַנגען און וועגן זיין סאַטירישער דראַמע האָט ער געזאָגט: „ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבן צו שרייבן, און די ערשטע זאַך אויפגעשריבן, איז צו מיר געקומען דער שטן. דאָס איז דער אָפּשפּעטער, וואָס געוועלטיגט איצט איבער מיר אין געשטאַלט פון מענדעלי מוכר ספרים, און האָט מיך אָנגערעדט אָפּצושפּעטן פון מענטשן און אַראָפּרייסן די מאַסקע פון זיי״...

ער איז, פאַרשטייט זיך, געווען נאָך זייער ווייט פון דעם שפּעטערדיגן מענדעלין, ער איז דאָך נאָך געווען גאָר אַ אינגל, אָבער ער איז שוין געווען פול מיט פראַגן און מיט ספקות וועגן דעם אַרומיגן לעבן און וועגן זיך אַליין. ער האָט געזוכט און נישט געקאָנט געפינען קיין וועג. לערנען ווייטער אין די ישיבה׳ס האָט זיך אים נישט געגלוסט. „לאָז מיך צו־רו, האָט ער געזאָגט צו זיין מוטער, מיט דיינע ישיבה׳ס, מיט דיינע תכליתים! גענוג געשוואַרצט דאָס פּנים, נעגעסן טעג, גענוג געקוועטשט די באַנק, געריבן זיך. דרייבן זיך ווייטער דאָרט, ביז איך וועל זיך אויסדרייבן און ווערן אַ שמאַטע — פּע! גענוג אויסגעריבענע שמאַטעס ביי אונז אָן מיר אויך!״

דער לעצטער אויסדרוק שטאַמט מסתמא פון אַ שפּעטערדיגער צייט, פון יענער צייט, ווען מענדעלי האָט עס פאַרשריבן, אָבער עס איז קלאָר, אַז אין אים האָט זיך שוין אָנגעהויבן דאָן יענער אינעווייניגסטער קריזיס, וועלכער האָט אים נישט געלאָזט בלייבן ביי דער גמרא. און ווען ער איז צוריק געקומען אין שטעטל אַריין פון מעלניקי, האָט ער זיך טאַקע מער נישט באַנוגנט שוין מיט ש״ס און פּוסקים. ער האָט שוין אַריינגעקוקט אין חקירה־ספרים — געבלעטערט דעם „חובת הלבבות״, זיך פאַרטיפט אין „מורה נבוכים״ און „כוזרי״.

אָבער אויף זיין אייגענער פּערזענליכער פראַגע, אויף דער פראַגע: „וואָס טוט מען? צו־וואָס נעמט מען זיך?״ — האָט ער דאָרט קיין ענטפער, פאַרשטייט זיך, נישט געפונען. און ווער ווייס, צי וואָלט ער נישט געוואָרן צוריק אַ ישיבה־בחור, צי וואָלט ער נישט געבליבן אין דער וועלט פון די כלי קודש, פון די רבנים, און מיר וואָלטן נישט געהאַט קיין מענדעלי מוכר ספרים, — ווער ווייס, צי וואָלטן די ערשטע ליטעראַרישע טריט זיינע נית געווען אויך די לעצטע, צי וואָלט ער נית געוואָרן אַ קאַפּוליער אײדעם אויף קעסט, און צו די יאָשע ראובנ׳ס, הערצל קיילעס און אַנדערע מושלמים, וואָס זיינען געבליבן מלמדים, וואָלט צוגעקומען נאָך איינער, שלום יעקב חיים משה׳ס, ווען נית אָן אומגליקליכע — ניין, אַ גליקליכע! — פּאַסירונג, וואָס האָט געעפנט פאַר אים, נאָך לאַנגע וואַגלענישן, אַ נייעם וועג.

3

די נסיעה אין בײדל דורך ליטע און װאָלין.

אברהמ'ל דער קרומער. — פון שטאָט צו שטאָט. — שנאָר־רערײַ און װאַגלעניש

די פּאַסירונג איז געװען אי א געװאױנטלאכע, אי נישט קײן געװאױנטלאכע און באַשטאַנען איז זי אָט אין װאָס:

אין װײַסרוסלאַנד און אין דער ליטע זײַנען געװען דעמאָלט הונגער יאָרן. עס איז אָנגעשטאַנען א מורא'דיגער יקרות און עס איז ניט געװען קײן פּרנסה. װי תמיד אין אַזעלכע צײַטן, זײַנען אידן געשטאַנען אױפ'ן װעג, מיט די פּעקלאַך אױף די פּלײצעס, מיט'ן װאַנדערשטעקן אין האַנט, גרײט צו לאָזן זיך אין װעג אַרײַן װאוהין די אױגן װעלן טראָגן... געטומלט האָט זיך װעגן כערסאָנער גובערניע און בכלל װעגן דרום־רוסלאַנד: דאָרט, האָט מען געגלױבט, איז א גן־עדן...

> האָט איר געהערט דאָס לאַנד כערסאָן,
> נישט װײַט פונ'ם פּעטער ישמעאל?
> פון פױגלמילך איז דאָרט פאַראַן —
> פאַר אידן — ארץ ישראל....

אַזױ האָט מען געזונגען.

און גראָד איז אָנגעקומען פון „לאַנד כערסאָן" א אידל מיט'ן נאָמען אברהמ'ל דער קרומער (װער װײס — אפשר דער פּראָטאָטיפּ פון פ י ש ק ע ד ע ר ק ר ו מ ע ר?) — ער איז געװען פריער א שטעטלדיגער, א קאַפּוליער, דערנאָך האָט ער זיך אױעקגעלאָזט אין דער װײַטער װעלט אַרײַן — און איצט איז ער געקומען צוריק און דערצײלט נסים ונפלאות, ער קאָן זיך גאָר ניט אָפּלױבן, פון יענע מקומות. „װאָלין", זאָגט ער װי שפּעטער אײנער פון מענדעלי'ס פאַרשױנען, — „װאָלין איז א געבענטשט אָרט מיט אַלעם גוטן. קױלעטשן עסט מען דאָרט נאָר אינמיטן דער װאָך, װײַן טרינקט מען דאָרט, װי װאַסער — הײנט זײער ראָסלפלײש, קנאָבל, „פּראַסקעס", „פּאַליאַרטשיקעס", איז א מאכל מלכים א. אז. װ." „נאָר די מענטשן, די דאָרטיגע, הערט ער ניט אױף צו דערצײלן נײַעס, זײַנען גראָב, פאַרשטאָפּטע קעפּ, אידן פונ'ם היגן װינקל קאָנען זײ אין זאַק אַרײַננאַרן און מאַכן גוטע געשעפטן, מלמדים פון אונזער קאַנט האָבן דאָרט די בעסטע קנעלונגען א. אז. װ." („די אַלטע מעשה"). נון, אונזער שלום יעקב'ן, װאָס אים האָט שױן לאַנג דערעסן קאַפּוליע און װאָס ער האָט נישט געהאָט װאו אַהין צו טאָן זיך פון עלנטקײט, און דערצו איז נאָך א סברה, אַז ער איז ניט געװען פאַר־

שריבן אין דער קאַפּוליער „סקאַזקע״, אין דער רשימה, וואו עס ווערט פאַרצייכנט יעדעס ניי־געבוירן קינד — האָבן אים די דאָזיגע אַלע מעשיות ווי פאַר׳כשופ׳ט. און אַז אברהמ׳ל האָט אים נאָך דערצו גענומען צוזאָגן, אַז ער וועט אים נעמען מיט זיך אין זייןביידל אויף זיין קליאַטשע און אַז ער וועט אים ברענגען בשלום אין יענער גליקליכער געגנט, וואו ער וועט זיך איה״ש דערשלאָגן צו אַ תכלית, — האָט ער זיך נישט לאַנג געלאָזן בעטן און איז געוואָרן אברהמ׳ל דעם הינקענדיגנ׳ס אַ פּאַסאַזשיר.

דערביי איז אינטערעסאַנט צו וויסן, אַז אברהמ׳ל האָט געהאַט ביי זיך אין בויד נאָך אַ פּאַרשוין. דאָס איז געווען שלום יעקבֿ׳ס אַ מומע, אַן עגונה, מיט אַ קליין קינד אויף די הענט. אברהמ׳ל האָט איר איינגערעדט, אַז ער וועט געפינען איר מאַן דאָרט אין יענע מקומות. און נאָך פּסח האָט מען זיך געלאָזן אין וועג.

די צדה לדרך, וואָס אונזער יונגער וואַנדערער האָט גענומען מיט זיך, איז געווען אַ האַלבער לעבל קאָרענע ברויט און פופצען קאָפּיקעס מזומן. דאָס האָט אים זיין עלטערע שוועסטער אַזוי אויסגעריכט אין ווייטן וועג אַריין. אָבער ער האָט זיך ניט געהאַט וואָס צו זאָרגן. אברהמ׳ל האָט שוין געהאַט זיי אַלעמען אין זינען. אין יעדן שטעטל און אין יעדער שטאָט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, און מיט דעם כתב פון דער עגונה אין האַנט און מיט אַ רויטער פּאַטשיילקע איז ער פּשוט אומגעגאַנגען איבער די הייזער און געקליבן נדבה׳ס. דאָס ווייבל מיט׳ן קינד פלעגן בלייבן אין בויד, און דאָס בחור׳ל פלעגט פאַרברענגען די צייט אין אָרטיגען בית המדרש. וואָס אברהמ׳ל טוט דאָרט אין שטעטל, מיט וואָס ער עסק׳ט זיך, — האָבן זיי אפשר גאָר אַליין ניט געוואוסט. זיי זיינען געווען צופרידן צו קאָנען זיך אָפּרוען אַביסל פונ׳ם שווערן וועג.

פאַר אונזער בחור׳ל איז דאָס שלעפּן זיך אין אברהמ׳לס וועגלע געווען אַ באַזונדער אָפּקומעניש. אָפט האָט ער איינאיינעם מיט דעם בעל עגלה געמוזט אַרויסקריכן פון וואָגן און העלפן דעם מאָגערן פערדל אַרויסקראַבקען זיך פון דער געדיכטער בלאָטע.

אַרום ערב שבועות זיינען זיי, שלעפּנדיג זיך אַזוי, אָנגעקומען קיין לוצק. אין שול האָבן די ישיבה־בחורים גראָד געהאַלטן ביי מאַכן עפּיס אַ חברה. האָבן זיי דעם נייעם אורח, שלום יעקבֿ׳ן, מכבד געווען מיט אָנשרייבן די תקנות פון דער נייער חברה. דער ליטוואַק האָט עס געמאַכט זייער גוט, מיט אַ שיינעם כתב און נאָך שענערער מליצה. האָט ער באַלד געקראָגן אַ שם פאַר אַ מושלם. אברהמ׳ל מיט זיין גרויסן חוש פאַר שנאָרעריי און פּרנסה האָט דאָ דערשמעקט אַ גוטע געלעגנהייט צו כאַפּן אַ כשר פאַרדינסטל — שדכנות־געלט. ביי אים איז געבליבן אויסצופירן אַ שידוך צווישן זיין יונגן בן־

עיר און דער טאָכטער פון אַ לוצקער נגיד. ביי איין צד, דער כלה'ס צד, האָט ער שוין גע'פועל'ט, און מער, האָט ער גערעכנט, דאַרף ער גאָרנישט. עס איז אים ניט איינגעפאַלן, אַז דאָס בחור'ל, דער יתום, האָט אויך עפּיס אַ דעה. און ווי אַזוי האָט ער עס טאַקע גאָר געקאָנט טראַכטן, אַז דער אָרעם־בחור וועט ניט חשק האָבן צו ווערן אַן איידעם אויף קעסט ביי אַ נגיד אין הויז? אָבער דער יונגער שלומ'קע — אַ געבראָטענער ליטוואַק — האָט זיך איינגע־שפּאַרט און טענה'ט, אַז ער וויל ניט חתונה האָבן אַזוי פּלוצלונג — ער האָט געהאַט גאָר אַנדערע פּלענער אין קאָפּ, ער איז דאָך שוין געווען אַביסל אָנגעשמעקט מיט השכלה — און אברהמ'ל האָט געמוזט נעבאַך איינשפּאַנען דעם פערדל און פאָרן ווייטער.

מען איז געפאָרן טעג, וואָכן.

אויפ'ן וועג האָט מען באַגעגנט אַנדערע נוסעים און צווישן זיי ניט איינעם פון יענע קבצנים, וועל־כע מענדעלע האָט פאַראייביגט אין „פישקע דער קרומער".

מען האָט זיך אָפּגעשטעלט אין שטעט, אין שטעטלאַך, און דער קינפטיגער מענדעלי מו"ס האָט „אָנגעקוקט מיני אידן, שיינע צורה'ס, פיינע בריה'ס, מאָדנע פאַרשוינען, אַלערליי נפשות, געקרימטע רו־קענס, פאַרריסענע נעזער, לאַנגהענטיגע, ליפּקע־פינ־גערדיגע, אַזוינע און אַזוינע, פונ'ם אַלטן און נייעם שניט" — און ער האָט שפּעטער „געהאַט פון זיי צו דערציילן מעשיות, צו זינגען און צו זאָגן".

מען האָט גענעכטיגט אין הקדשים, געוואַלגערט זיך אין קרעטשמעס, אין בתי מדרשים. שלום יעקב האָט זיך גענוג אָנגעליטן.

ער האָט נישט געהונגערט, אָבער דאָס ברויט, וואָס ער האָט געגעסן, איז געווען בעטל־ברויט, און ער האָט זיך געפילט דערשלאָגן, דערנידעריגט. „אַ קאַפּיטל פון וואָגלעניש, נסיונות און גרויסע ליידן" — האָט ער שפּעטער אָנגערופן אָט די עלנטע טעג פון זיין לעבן.

זיי זיינען אָבער נישט פאַרלוירן געגאַנגען. זיי זיינען מענדעלי'ן — זיי זיינען דער גאַנצער אידישער ליטעראַטור צונוץ געקומען. אַ דאַנק זיי האָט דער קינסטלער אַריינגעקוקט אין דעם ס פ ר ה ק ב צ נ י ם, אין דער ט אָ ר ב ע, אין יענער „גרויסער אידישער טאָרבע", וועלכע איז פון דאַן אָן געשטאַנען תמיד פאַר זיינע אויגן („וואוהין איך זאָל מיך נישט קערן און ווענדן, האָט ער שפּעטער געשריבן, זע איך פאַר מיר די טאָרבע, וואָס איך זאָל נישט וועלן עפּיס דערציילן אָדער זאָגן, קומט מיר אָפּיר די טאָרבע".).

אין יענע בימערע און פינסטערע טעג פון וואָג־לעניש האָט דער שפּעטערדיגער מענדעלי מוכר ספרים איינגעזאַפּט אין זיך אַ סך פון די איינדריקן, וועלכע

ער האָט אַזוי וואונדערליך באַשריבן אומפּאַרנדיג כלומר'שט אין זיין באַרימטער בויך מיט די ספרים... „ווירקן אויף אַ פאָלק מענטשן, האָט ער געזאָגט, קאָן נאָר אַזעלכער, וואָס איז ביין פון זייער ביין, פלייש פון זייער פלייש, וואָס האָט געליטן אייגענע צרה'ס, געפילט איינע ווייטאָגן מיט זיי", — און אין אָט דער צייט פון זיין לעבן איז ער מער ווי אַלעמאָל געווען ביין פון ביין און פלייש פון פלייש פון זיין פאָלק מענטשן. אין אָט דער צייט האָט ער, אַזוי ווי זיי, אָפּגעריכט גלות און איז געווען נע ונד. ער האָט פאַרזוכט דעם טעם פון אידישע פרנסה'ס, ער האָט ממש מיט די הענט אָנגעטאַפּט דעם אידישן דלות. ער האָט זיך, אגב, באַקענט מיט אַנדערע אידישע קהלה'ס, א חוץ די ליטווישע, און ער האָט דערזען, אַז זיי זיינען אין תוך אַלע גלייך, ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זיי האָבן אַלע איין נאָמען: ק א ב צ א נ ס ק און אַז פון ק אַ ב צ אַ נ ס ק פירט דער וועג גלייך קיין ג ל ו פּ ס ק...

נאָך לאַנגע וואָכן אַרומשלעפּעניש און וואָגלעניש האָט זיך אברהמ'ל דעם קרומענ'ס ביידל מיט דער עגונה מיט איר קליין קינד, מיט דעם יונגן בחור'ל, וואָס האָט זיך ניט געלאָזט פאַרנאַרן אין דער „שמאַלץ גרוב" אין לוצק — געבליבן שטיין אין מיטן וועג ביי עפּיס א חורבה אָן טיר און פענסטער, ניט ווייט פון קאַמענעץ־פּאָדאָלסק. ארבהמ'ל האָט איבערגעלאָזן דעם וואָגן מיט די פאַרשווינען ביי דעם פּוסטן, חרוב'ן הויז און אַליין האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט צופוס קיין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק. ער האָט א שמעק געטאָן די שטאָט און מיט זיין חוש פון אַן אמת'ן שנאָרער דערפילט, אַז ס'איז „סדום", „ניט קיין אידישע שטאָט". האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אין כעס, און עס איז געבליבן ביי אים צו לאָזן זיך אויף מאָרגן אין אַן אַנדער שטאָט און דאָרטן מאַכן עפּעס א טאָלק מיט'ן איינגעשפּאַרטן בחור — אָדער אים חתונה מאַכן און פאַרדינען שדכנות־געלט, אָדער — אויב ער וועט בלייבן אַן עקשן, מאָנען ביי אים פור־געלט פאַר דער גאַנצער נסיעה...

שלום יעקב האָט די גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן. ער האָט אַלץ געטראַכט, וואָס וועט ווערן פון אים, אַז ער וועט בלייבן אַליין. פּלוצלונג האָט ער זיך דערמאָנט (אַזוי דערציילט זיין שפּעטערדיגער אינטימער פריינד, י. ח. ראַבניצקי*), אַז אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק געפינט זיך זיינער אַ קרוב פון קאַפּוליע, „ברוך קינסטלער", וועלכער איז א משורר ביין קאַמענעצער חזן. איז ער פאַרטאָג אַוועק אין שטאָט זוכן זיין קרוב. ער האָט זיך אָבער דאָרט דערוואוסט, אַז דער חזן מיט אַלע זיינע משוררים זיינען ערגעץ אין וועג און זיי וועלן קומען צוריק ערשט אויף ימים

*) פון י. ח. ראַבניצקי'ס אַרטיקל זיינען גענומען אויך פיל אַנדערע דאַטן.

נוראים. אַן אומעטיגער און אַ פאַרצווייפלטער האָט ער זיך אומגעקערט צוריק צו דער חורבה, צו אַברהמל'ס וואָגן. עס האָט אָבער באַלד פּאַסירט אַ צופאַל, וועלכער האָט אים אַרויסגעראַטעוועט פון דעם זומפּ, אין וועלכען ער איז שיר ניט איינגעזונקען געוואָרן. ווען אַברהמ'ל האָט זיך געלאָזן אין וועג אַריין מיט זיין ביידל און איז אָפּגעפאָרן אַ קורצע שטרעקע, האָט ער באַמערקט, אַז זיין פערד פעלט אַ פּאָדקאָווע. האָט ער געהייסן שלום יעקב'ן אומקערן זיך צוריק און אויפזוכן אויפן וועג ערגעץ די פאַרלאָרענע פּאָדקאָווע. דאָס בחור'ל לאָזט זיך אַוועק זוכן די אבדה, און ווי ער בלאָנדזשעט אַזוי אַרום אויפ'ן בלאָטיגן וועג און זוכט, און נישטערט, דערהערט ער מיט אַמאָל אַ שטים: „שלומקע!". ער קוקט זיך אום — ערשט אַ יונגער מאַן קריכט אַרויס פון אַ קאַרעטע, וועלכע האָט זיך נאָר וואָס אָפּגעשטעלט, — און כאַפּט זיך מיט אים קושן. און דאָס איז, ווי מען שרייבט אין די „העכסט אינטערעסאַנטע" ראָמאַנען, געווען נישט קיין אַנדערער, ווי שלום יעקב'ס קרוב, אויף וועלכן ער האָט אויסגעקוקט די אויגן און וועלכער איז גראָד איצט אָנגעפאָרן אינאיינעם מיט'ן חזן און זיינע משוררים. שלום יעקב האָט דערציילט אין וואָס פאַר אַ לאַגע ער געפינט זיך. דער חזן האָט אויף אים רחמנות געקראָגן, אים אויסגעלייזט פון דעם שנאָרער'ס הענט און געבראַכט אים מיט זיך קיין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק...

אָט אַזוי האָט זיך אויסגעלאָזן „דאָס קאַפּיטל פון וואַגלעניש, נסיונות און גרויסע ליידן" — דאָס פינסטערסטע און ראָמאַנטישסטע קאַפּיטל אין מענדעלי'ס לעבן.

4

אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק.

באַקאַנטשאַפט מיט א. ב. גאָטלאָבער. — לערער־דיפּלאָם — ליטעראַרישער דעביוט. — חתונה און גט.

אין קאַמענעץ פּאָדאָלסק האָט זיך שלום יעקב תחילת אומגעקערט צוריק צום בית המדרש. דאָרט, אין „באַשע דער רויטער'ס קלויז", איז ער געזעסן און געלערנט, דאָרט האָט ער אויך גענעכטיגט. ער איז געוואָרן צוריק אַן אָרעם־בחור, אָבער ער האָט שוין געבענקט נאָך השכלה און „געדורשט נאָך וויסנשאַפט". קיין לערער האָט ער ניט געהאַט, האָט ער געוואָלט פון ביכלאָך עפּעס לערנען, אַ חוץ ש"ס און פּוסקים. אָבער וואו נעמט מען די ביכלאָך? האָט זיך ווידער אַריינגעמישט אַ צופאַל. אין דעם בית המדרש, וואו ער האָט געלערנט, פלעגט אַריינקומען איינער אַן עלטערער איד, וועלכער איז געווען, — ווי מענדעלע האָט אים, אַלס דעם מאָדעל פון זיין ר' אַברהם, כאַראַקטעריזירט אין „ווינשפינגערל" —

„פון די געהויבענע מקבלים, וואָס רעכענען זיך ביי אידן צום קאַפּיטל כּלי קודש און שטייען אויף דער צווייטער שטופע נאָך די דיינים. דער נאָמען זיי־ערער איז געוואוינטלאַך: שיינע אידן". אָבער אַט דער ר' אברהם, ווי מיר וועלן אים רופן, איז געווען ניט סתּם אַזוי אַ שיינער איד. ער איז „אין זיין גראַד געווען, ווי רופט מען עס עפּעס, אַ פּאָעט. עס האָט אים געצויגן צו די אגדתא'ס, צו די וואונדער־ליכע שיינע זאַכן אין דעם זוהר" — און עס איז אַזויווי פון זיך אַליין פאָרגעקומען עפּעס אַ דערנענטע־רונג צווישן אים און דעם יונגן ליטוואַק, וועלכער איז דאָך א ו י ך געווען אַ פּאָעט.

— הערסטו, שקץ, האָט ער איינמאָל געזאָגט מיט אַ שמייכל צו זיין יונגן פריינד, — ביזט דאָך עפּעס אַ בעל תּנ"ך, קענסט דקדוק, וואָלסטו זיך אפשר אַמאָל שטילערהייט אַריינגעכאַפּט צום ג ל ו ח? נישקשה, דאַרפסט נישט מורא האָבן, ער וועט דיך פון וועג נישט אַראָפּפירן, דו ווייסט, וואָס צו ענטפערן אַן אפּיקורס, אָבער כאַפּן אַ שמועס מיט אים וועגן ענינים פון דקדוק וכדומה — וועט דיר ניט שאַדטן...

ר' אברהם האָט געמוזט שוין דערטאַפּן עפּעס כ ת ב י ם ביים בחור, און אַזוי ווי ער האָט אים ליב געהאַט, און אַזוי ווי אַליין איז ער אויך אפשר געווען אַביסל געכאַפּט אין דער מעשה פון לשון ומליצה, האָט ער געוואָלט, אַז דער יונגער מאַן זאָל זיך באַקענען מיט'ן משׂכּיל פון שטאָט.

דער משׂכּיל — דאָס איז געווען אברהם בער גאָטלאָבער, אַ העברעאישער און אַ אידישער שריי־בער, וועלכער איז אין יענער צייט געווען שוין באַ־רימט ווי אַ וויכטיגער פאָרשטייער פון דער השׂכּלה ליטעראַטור.

אבראַמאָוויטש'ן איז דאַן נאָך אפילו נישט איינ־געפאַלן, אַז ער וועט ווען עס איז זיין אַ „סופר בישראל" („ווען עמיצער זאָל מיר דעמאָלט געווען זאָגן, האָט ער געשריבן אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, אַז איך וועל ווערן אַ מחבר ביי אידן, וואָלט איך געמיינט, אַז דאָס לאַכט ער פון מיר. איך פלעג דאָך נאַאיוו מיי־נען, אַז די שרייבער זיינען אַלע געטליכע מענטשן און ווער בין איך, אַז איך זאָל דערגרייכן אַזאַ מדרגה?") פונדעסטוועגן האָט ער גענומען מיט זיך זיין פּעקל כּתבים, ווען ער איז איינמאָל אין אַ שטילן טונקעלן אוונט אוועק צו גאָטלאָבער'ן. אַזוי האָט זיך שוין דאַמאָלסט געפירט — אַז אַ יונגער מאַן פלעגט קומען צו אַ משׂכּיל, און בפרט נאָך צו אַ שרייבער, וועלכער איז געווען אַ מפורסם, פלעגט ער אַרויסנעמען פון קעשענע צעקניטשטע פול מיט מליצה פאַרשריבענע בלעטלאַך פּאַפּיר — דאָס איז געווען אַ מין רעקאָ־מענדאַציע אָדער אַן אַריינפיר צום געשפּרעך. דער יונגער אבראַמאָוויטש האָט גאָטלאָבער'ן געוויזן זיינע העברעאישע שירים מיט דער „דראַמע". גאָטלאָבער

האָט, ווי דער שטייגער איז, געהייסן אים לערנען זיך און צוגעזאָגט אים העלפן. און ער האָט אים טאַקע געהאָלפן. ערשטנס, האָט ער אים אויסגעליען ביכער פון זיין ביבליאָטעק; צווייטענס, האָט ער געבעטען זיין טאָכטער, אַז זי זאָל דעם פּיִיאָנן אָרעם־בחור לערנען וועלטזאַכן — רוסיש, דייטש, חשבונען.

שלום יעקב איז, ווי פריער, געזעסן אין בית־המדרש, אָבער זיין קאָפּ און זיין התמדה איז שוין געלעגן איצט ניט אַזוי אין די אַלטע הייליגע ספרים, ווי אין די נייע וועלטליכע למודים. דער בית־המדרש־עולם, אַ חוץ דעם אַלטן ר׳ אברהם׳ען, האָט נישט גע־וואוסט דערפון, און דער יונגער מושלם האָט געקראָגן אַלץ אַ גרעסערן שם אין שטאָט. מען האָט אים גע־נומען ריידן שדוכים מיט די שענסטע בעל־הבתים. איינער פון די שדוכים איז אים געפעלן געוואָרן, און ער האָט חתונה געהאַט. ער איז געוואָרן אַן איידעם אויף קעסט ביי אַ רייכן שווער. אָבער די ווייב איז אים ניט געווען קיין פּאָר, און זיי האָבן נישט געהאַט קיין גוט לעבן. דריי יאָר האָבן זיי אָפּגעלעבט אינ־איינעם און געהאַט צוויי קינדער. אָבער די קינדער זיינען געשטאָרבן און זיי האָבן זיך געגט. דערווייל האָט אבראַמאָוויטש צוגעגרייט זיך צו די עקזאַמע־נעס, געקראָגן אַ לערער־דיפּלאָם און אַ שטעלע פון אַ לערער אין דער קאַמענעצער רעגירונגסשול.

מיט אַ „קאָקאַרדע״ אויפ׳ן היטל, איז ער שוין געווען מער ענליך אויף אַ רעגירונגס־באַאמטן, ווי אויף אַ זיידענעם יונגערמאַנטשיק, און ער איז אויסערליך אויף דעם אופן אַרויס פון דער אַלטער אידישער וועלט, מיט וועלכער ער איז אין הארצן געווען נאָך שטאַרק פאַרבונדן.

וועגן ווערן אַ שרייבער ביי אידן האָט ער נאָך אַלץ ניט געוואָגט צו טראַכטן, אָבער צו דער פען האָט אים געצויגן, און אין איינער אַ ווינטערדיגער נאַכט, ווען ער איז געזעסן און געענטפערט אויף אַ בריוו פון זיין עלטערן ברודער, הירש אבראַמאָוויטש, וועל־כער איז געווען אַ מלמד ערגיץ אין אַ קליין שטעטל, — האָט ער זיך אַזוי צעשריבן, אַז עס איז אַרויס ביי אים אַ גאַנצער טראַקטאַט וועגן פּראָבלעמען פון דערציאונג בכלל און אידישער דערציאונג בפרט. פון דעם גרויסן בויגן פּאַפּיר, וואָס ער האָט פאַרשריבן פון ביידע זייטן, האָט ער אויף מאָרגן איבערגעשריבן אַ טייל און אַוועקגעשיקט צו זיין ברודער. דעם אָרי־גינאַל האָט ער געלאָזן ליגן און שפּעטער האָט ער זיך גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן אָן דעם. ערשט איינמאָל ברענגט אים דער בריוטרעגער אַ פאַרמאַכטן פּאַקעט פון אויסלאַנד. ער איז געווען זייער נייגעריג צו וויסן, ווער עס שרייבט דאָס אים פון אַ פרעמדן לאַנד, וואו ער האָט נישט קיין שום באַקאַנטע, און מיט גרויס אומגעדולד האָט ער געעפנט דעם בריוו, ערשט — „פאַר מיינע אויגן (ווי ער האָט שפּעטער דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע) איז דער נומער 31 פון דער

צייטונג „המגיד”, ערשטער יאָרגאַנג, און עפּעס ווי באַקאַנטע ווערטער שײַנען מיר אַרויס פון די שורות פון לייט־אַרטיקל אונטער׳ן נאָמען „מכתב על דבר החינוך („אַ בריוו וועגן דערציאונג”), וואָס איז געדרוקט מיט גרויסע אותיות”. די „באַקאַנטע ווערטער” זײַנען געווען פון יענעם בויגן פּאַפּיר, וועלכן ער האָט אַמאָל פאַרשריבן ענטפערנדיג זײַן ברודער. דאָס האָט זיך אַזוי לאַנג געוואַלגערט בײַ אים אין הויז, ביז איינער פון זײַנע פרײַנד, אויך אַ משכיל, האָט זיך פאַראינטערעסירט דערמיט און עס אוועקגעשיקט צו אברהם בער גאָטלאָבער, וועלכער האָט שוין דאַן געוואוינט אין אַלט־קאָנסטאַנטין. גאָטלאָבער׳ן איז עס שטאַרק געפעלן געוואָרן, און ער איז, פאַרשטייט זיך, געווען זייער צופרידן, וואָס זײַן געוועזענער תלמיד שניידט זיך אויף אַ לייט. האָט ער גענומען דעם מאַנוסקריפּט און עס אוועקגעשיקט קיין ליק (פּרייסן) צו אליעזר זילבערמאַן, דער רעדאַקטאָר פון דער ערשטער העברעאישער צייטונג „המגיד”, וועלכע האָט דאַן ערשט (1857) אָנגעהויבן אַרויסצוגיין. „המגיד” האָט עס גלייך אָפּגעדרוקט (אין נומער 31, כ״ג תמוז, תר״יז) און נאָך צוגעגעבן דערצו די הסכמה פון גאָטלאָבערן, וועלכער האָט געשריבן, אַז דער מאמר פון דעם יונגן מחבר איז אַזוי וויכטיג, אַז מען דאַרף אים איבערזעצן און פאַרעפנטליכן אויף דער לאַנדסשפּראַך. אינאיינעם מיט דעם אָפּגעדרוקטן מאמר האָט אַבראַמאָוויטש באַקומען אַ בריוו פון דעם רעדאַקטאָר פון „המגיד” מיט אַן אײַנלאַדונג צו שרײַבן אויך ווײַ־

און אַט אַזוי איז ש״י אַבראַמאָוויטש (ער האָט זיך דאַן נאָך ניט אונטערגעשריבן „מענדעלי מוכר ספרים”) — געוואָרן אַ העברעאישער שרײַבער.

ער האָט גלייך פאַרנומען אַן אָרט אויבנאָן אין דער — דאַן זייער אָרימער — העברעאישער זשורנאַליסטיק. עס האָט זיך, אַגב, פאַראינטערעסירט מיט אים און מיט זײַן צוקונפט דער באַרימטער השכלה־טוער און געלערנטער פון יענער צייט, ל. מאַנדעלשטאַם, און ווען יענער איז, אינאיינעם מיט דעם רוסישן בילדונגס־מיניסטער, דורכגעפאָרן קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, האָט ער געראָטן דעם יונגן אַבראַמאָוויטש׳ן לאָזן די לערער־שטעלע און פאָרן קיין פּאַדואַ, איטאַליע, שטודירן אויף ראַבינער. ער האָט אים צוגעזאָגט משתדל צו זײַן זיך פאַר דער רעגירונג, וועלכע האָט דאַן געזוכט צו פאַרשפּרייטן כלומרשט בילדונג צווישן אידן, אַז זי זאָל אים באַשטימען אַ סובסידיע פאַר דער צייט, וואָס ער וועט זיך לערנען. אָבער דערפון איז גאָרנישט ניט געוואָרן.

בײַ אַ יאָר צייט אַן ערך האָט אַבראַמאָוויטש נאָך געוואוינט אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק. דאַן האָט ער — צום צווייטן מאָל — חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון דעם בערדיטשעווער נאָטאַריוס זלמן לעווין און זיך באַזעצט אין בערדיטשעוו. דאָס איז געווען אין יאָר 1858.

5.

אין בערדיטשעוו.

צוווייטע פרוי. — ביים שווער אויף קעסט. — כלל־טועריי. — „תולדות הטבעת. — קריטיק און פובליציסטיק. — איבערגאַנג צו אידיש. — „דאָס קליינע מענשעלע“. — „די טאַקסע“.

די ערשטע עטליכע יאָר אין בערדיטשעוו האָט זיך אַבראַמאָוויטש געפילט זייער גוט, און עס האָט אים באמת גאָרנישט ניט געפעלט. ער איז געזעסן אויף קעסט ביי זיין רייכן היינטוועלטיגן שווער און אָפּגעגעבן די גאַנצע צייט אויף לערנען, שטודירן און שרייבן. „אויפ׳ן הארצן איז מיר גוט, לייענען מיר אין זיינעם אַ שפּעטערדיגן קאַפּיטל פון זיין ספר הזכרונות. ס׳איז ערשט אַ קורצע צייט נאָך מיין חתונה. דער קאָפּ איז מיר פריי פון דאגה׳ס. איך זיץ מיט מיין ווייב, אַ בת יחידה, אויף קעסט. יונג בין איך, כח האָב איך, לערנען באַגער איך, ספרים שרייב איך, שירים אמאָל מצך איך — האָב איך ליב די נאַטור, גיי־אויס נאָך איר... אין די ווייטע פעלדער, אין די געדיכטע וועלדער — שפּאַצירן איז מיין לעבן“. אין שטאָט גופא איז ניטאָ קיין שענקייט, די שטאָט איז שמוציג, אָביסל אין דער זייט, האָט זיך מיר אַנטפּלעקט די גלופּסקער (בערדיטשעווער) יפהפה — די פּיאַטאַגניאַלאָווקע, אָנמאַכנדיג מיר אַ חשק זיך „געגעהנען“ צו איר. גאָר נישט געווען זי צו דערקענען — אַזוי שיין איז זי. אין שטאָט זעט זי אויס ווי אַ שוואַרציאַר, פּאַרדאָסט, פּאַרדרי־פּעט, מחילה, דער גאַנצער שמוץ פון די הייזער ליגט אויף איר, אַזוי אַז ס׳איז פּשוט נישטאָ ביי איר אַזויפיל וואַסער אויף אָפּוואַשן זיך. און דאָ איז זי אינגאַנצן עפּעס ווי איבערגעביטן געוואָרן. זי איז אָפּגעוואַשן — וואַסער גענוג וויפיל מען וויל. אָנ־צושפּיגלען זיך אין איר פּנים, אַזוי קלאָר־לויטער איז עס! אויסגעפּוצט, ווי אַ פּריצטע, אין אַ זומער־דיג־הימלבלויען מאַנטל, באַגילט מיט גילדענע פלי־טערלאַך. שפּילנדיג אין אַלערליי קאָלירן אַקעגן דער זון, גייט זי זיך געלאַסן, נישט געיאָגט, אינם שיינעם טאָל צווישן גרינבאַוואַקסענע בערג, וואָס טראָגן איר אונטער אויפ׳ן וועג בוקעטן פון שמע־קעדיגע בלומען. בוימער פון דערווייטנס באַגריבן זי, שאָקלענדיג מיט די קעפּ, און פון צווישן צווייגן הערט זיך, איר לכבוד, אויף די העלדזער אָפּשפּילן אַ ווייוואַט גאָר „פויגלדיג“! איז אַבראַמאָוויטש אָפּט געגאַנגען אָנקוקן אָט די „יפהפה“. אָבער צופיל צייט האָט ער נישט אָפּגעגעבן אויף שפּאַצירן און „ליידיגגיין“. ער איז געווען אַ מענטש פון ארבייט. און אין דער צייט, ווען וועלכער מיר ריידן, איז ער גאָר באַזונדערס געווען אריינגעטאָן אין לערנען און פאָרשן. עס האָט זיך אומגעקערט צו אים צוריק די אַלטע התמדה. אפילו בריוו שרייבן צו פריינד

האָט ער זיך נישט צו אָפּט פאַרגונען. „ווייסט דאָך", האָט ער געשריבן דאַן (טבת, תרי"ט) צו אַ חבר אין קאַמענעץ פּאָדאָלסק, וועלכער האָט געבעטן ער זאָל אים שרייבן וועכענטליכע בריוו, — „ווייסט דאָך, אַז איך בין נישט קיין לײדיגגייער און אַז איך בין אַריינגעטאָן אין מיין הייליגער אַרבייט. מיינע טעג און מינוטן זיינען אָפּגעגעבן צו גאָט און צו זיין תורה און ס'איז איצט ניט קיין צייט אַריינצולאָזן זיך אין ליבעבריוולאַך צו חברים און שרייבן דברים בטלים, וואָרום וואָס קאָן איך דיר טאַקע שרייבן? אַז מיין גאַנץ לעבן אין בערדיטשעוו איז ווי איין לאַנגער טאָג אָן קיין שום ענדערונגען... היינט בין איך אויפגעשטאַנען אין דער פרי און געלערנט, געגעסן און געלערנט, געטרונקען טיי און געלערנט ביז האַלבער נאַכט. און אַזוי וועט זיין אויך מאָרגן".*)

ער האָט דאָך אָבער געפונען צייט פאַר געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט, דערהויפּט נאָכדעם ווי ער איז שוין אָפּגעזעסן עטליכע יאָר אויף קעסט און האָט שוין באַוויזן אַ היבש ביסל אויפצוטאָן אויפ'ן ליטעראַרישן געביט. ער פלעגט אָפּט אַרומגיין איבער די וואוינונגען פון די אָרימע לייט און צוקוקן זיך צו זייער לעבן. ער האָט ליב געהאַט צו פירן געשפּרעכן מיט די בעטלער, די קאַליקעס, און אָפּט פלעגט ער אַפילו אַריינמישן זיך אין זייערע קריגערייען און מאַכן שלום צווישן זיי.**) די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידן אין בערדיטשעוו איז קיינמאָל ניט געווען גוט, דאַן אָבער איז געווען גאָר אַ באַזונדער שווערע צייט פאַר דער „אידישער הויפּטשטאָט", ווי עס האָט געהייסן בערידטשעוו. עס איז געווען אַן עקאָנאָמישער קריזיס, און „צו די שטענדיגע אָרימע לייט זיינען צוגעקומען אַ סך אויסגעוואָרענע נגידים און סתם מענטשן, וואָס האָבן פריער געהאַט ווי עס איז חיונה און זיינען אַצינד געבראָכן געוואָרן פונ'ם ברויט".***) האָט זיך אַבראַמאָוויטש גענומען גרינדן אַ חברה פאַר ביליגן קרעדיט מיט'ן נאָמען „משכיל אל דל". ער האָט צוגעצויגן צו דער אַרבייט אַ גרופּע אָרטיגע משכילים, האָט פאַרפאַסט די תקנות פון דער חברה, און אין דעצעמבער, 1863 — מיט אַן ערך אַ יאָר פריער, איידער עס איז פאַרעפנטליכט געוואָרן זיין ערשט אידיש בוך „דאָס קליינע מענטשעלע" — האָט די אָרגאַניזאַציע אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן... אין אַ בריוו, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט אַליין אָפּגעדרוקט וועגן דעם

---

*) איבערגעזעצט פונ'ם העברעאישן טעקסט, וואָס איז פאַרעפנטליכט געוואָרן אין „הדואר", ניו יאָרק, גליון א, 1925.

**) ל. בינשטאָק אין „וואָסכאָד", 12, 1884.

***) דר. מאַקס ווײַנרייך: „60 יאָר מענדעלי מוכר ספרים", אין „צוקונפט", אָקטאָבער, 1924.

ענין אין „קול מבשר“ (16טן יאנואר, 1865), האט ער געשריבן, אז ניט בלויז „די אומבאהאלפענע אָרעמקייט“ אליין האט ער זיך גענומען צום הארצן, נאָר אויך דאָס, וואָס „בשעת די אָרעמקייט הויבט זיך אָן צו ווייזן ערגעץ אין איין אָרט, ברענגט זי דאָס רוב מיט זיך נאָך א סך אנדערע צרה'ס: די מענטשן ווערן אביסל הארטהערציגער, מען פאַר־בויגט אביסל דעם יושר, איינער איז מסיג גבול דעם אנדערן, מען זוכט אַלץ אַרויסצוכאַפּן ביי יענעם, געבאָך זיין ביסן: וואָס איז, זאָגט מען, עס איז שוין, כ'לעבן, פאַר אים גענוג. מיר זיינען אויך מענטשן, מיר ווילן אויך עסן; וואָס ווערט דערפון? מען שלאָגט זיך, מען קריגט זיך און מען רייסט זיך איבער א ביין! — עפּעס א קאַטאָוועס אָרעמקייט! עס זאָל גאָר ניט צוגעשיקט ווערן, רבונו של עולם! — דאָס אַלעס איז מיר איבער־געגאַנגען אויף מיין כח המדמה, ביז גאָט ברוך הוא האָט מיר אַריינגעגעבען די המצאה: צו גרינדן די חברה „משכיל אל דל“, וואָס איר צוועק איז א דאָפּעלטער: 1) העלפן בכבוד אָפּגעקומענע אויף אַזוי אַן אָרט, אַז דורך דעם זאָלן זיי זיך קענען אַרויסכאַפּן אויף א שטיקל שטייגער פּרנסה, אָבער ניט געבן אַבי אָט א נדבה צו פאַרמערן נאָך מקבלים לייזיגגייערס (טוניעיאַדצעם); 2) צו אי־נ־טערשטיצן אָרעמלאַכע מענטשן און אָנווענדן אַלע מעגלאַכע, רעכטע מיטלען, אַז זיי זאָלן, חלילה, ניט געקריוודעט ווערן, און זיי פאַרהיטן פון אַל דאָס בייז. צו דעם צוועק האָט מען מתקן געווען גוטע תקנות...

דאָס קאָמיטעט קומט זיך (צונויף) איין מאָל אין דער וואָך צוזאַמען. דער סעקרעטער (ש. י. אבראַמאָוויץ) לעגט פאַר א צעטל, וועלכע מענטשן עס פאָדערן הילף. הן מיט געלד, הן מיט א גוט וואָרט און גלאַט אַזוי א טובה. בכלל האָט מען היינטיגס יאָר זייער א סך מענטשן געשטעלט אויף די פיס. אונטער זיי זיינען פאַראַן פיל אלמנות מיט יתומים, וואָס מען האָט זיי געגעבן א פּרנסה אין די הענט: די איז א בעקערן, די איז א קרעמערן, די א מילך־טרעגערין וכדומה. עס האָט שוין אַפילו דאַנקען גאָט געטראָפן דער פאַל, אַז איינער, וואָס די חברה האָט אים בסוד געשטיצט, איז אויפגעריכט געוואָרן און האָט מיט דאַנק אָפּגע־שיקט דער חברה צוריק איר אונטערשטיצונג!“ *)

מיט דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע פאַר עקאָנאָ־מישער הילף אליין האָט זיך אבראַמאָוויטש נישט באַנוגענט. ער זאָרגט אויך פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון בילדונג צווישן אידן. ער העלפט יונגע לייט אָנקומען אין זשיטאָמירער ראַבינער־סעמינאַר. ער

*) ציטירט לויט דעם אויבן דערמאָנטן אַרטיקל פון דר. מ. וויינרייך.

איז איינער פון די איניציאַטאָרן צו גרינדן אַן עפנטלאַכע ביבליאָטעק אין בערדיטשעוו. ער פאַרפאַסט די תקנות פון דער ביבליאָטעק. אָבער נישט נאָר זיין שטאָט אַליין איז אים געלעגן אין קאָפּ. ער האָט געוואָלט טאָן עפּעס פאַר אַלע רוסישע אידן, פאַר זיין גאַנצן פאָלק. מיט דעם צוועק האָט ער געשריבן אַרטיקלען אין „המגיד“, אין „המליץ“ און געדרוקט גאַנצע ביכער אויף העברעאיש. ער האָט געוואָלט אויסבעסערן די אידישע דערציאונג און אויך אויפהויבן דעם מצב פון דער העברעאישער ליטעראַטור, וועלכע האָט געזאָלט זיין דאָס וויכטיגסטע אויפקלערונגס־מיטל און וועלכע איז דאַן, ווי ער האָט שפּעטער געשריבן, געווען „אַ פוסטער גאָרטן“... „אַ פאַרלאָזענער גאָרטן אין הערבסטצייט, נישטאָ קיין פרוכט, נישטאָ קיין שמעקעדיקע בלומען און קיין שיינע פלאַנצונגען, די בלעטער זיינען פאַרוויאַנעט און די ביימער שטייען נאַקעטע“... די מחברים האָבן געלויבט איינע די אַנדערע, קיין קריטיק איז ניט געווען, „און די ליטעראַטור, וואָס האָט ניט קיין קריטיקער און יעדעס בוך און זיין קדושה איז אַ צווילינג, — אַזאַ ליטעראַטור איז אַ גאָרטן אָן אַ בעל הבית“...

אַבראַמאָוויטש האָט איצט שוין געפילט אין זיך די פייאיגקייט צו ווערן אַ בעל הבית, אַן אויפזעער אין׳ם פאַרוואַרלאָזטן גאָרטן פון דער העברעאישער ליטעראַטור, און אין יאָר 1860 דרוקט ער אָפּ אין ווילנע אַ זאַמלונג פון קריטישע און פובליציסטישע אַרטיקלען מיט׳ן נאָמען „משפט שלום“. אין אָט דעם בוך טרעט ער שאַרף און מוטיג אַרויס קעגן איינגע זייער אָנגעזעענע שריפטשטעלער פון יענער צייט, און ספּעציעל קעגן אליעזר צבי הכהן צוויפל. דאָס בוך איז, לויט זיין אייגענעם אויסדרוק, „געקומען ווי אַ קויל אין דער מחנה רואיגע שרייבער, וואָס זיינען זיך געזעסן ווי וויין אויף זיין הויוון, און איך בין ביי זיי געווען, ווי אַ מענטש, וואָס איז געקומען שטערן זייער רו, שענדן זייער כבוד און רום, און ס׳איז געוואָרן אַ גרויס געשריי אין דער עדה“.

אין „משפט שלום“, ווי אויך אין די צייטונגס־אַרטיקלען פון יענער צייט, האָט אַבראַמאָוויטש אַרויסגעוויזן שוין יענע נטיה צו רעאַליסטישקייט אין שרייבן און אין דענקען, וועלכע איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין גאַנצן שפּעטערדיקן שאַפן.

אין זיינע אַרטיקלען האָט ער, צווישן אַנדערע זאַכן, אָנגעוויזן אויף דער נויטיגקייט צו לערנען רוסיש מיט אידישע קינדער, אַנשטאָט דייטש, וואָס איז געווען דעמאָלט די שפּראַך פון דער השכלה. ער האָט, ווי אַנדערע משכילים, געוואוסט אַז דייטש אַז וויכטיגער פאַר אמת׳ער בילדונג און אויפקלערונג ווי רוסיש. „ליגן דען אין רוסיש באַהאַלטן די

פערל פון חכמה און וויסן?" האָט ער געפרעגט אין א בריוו צו זיינעם א פריינד אין יאָר 1859.*) אָבער דעם זעלביגן פריינד האָט ער געראָטן פונ־דעסטוועגן לערנען רוסיש.**) ער האָט שוין דאַן געפילט, אַז השכלה אין רוסלאַנד הערט אויף צו ווערן א „בת השמים", „ א טאָכטער פון הימל", א שטיק ראָמאַנטיק, און קריגט בילאכוויַיז א פּראַקטישע באַדייטונג, א לעבענסווערט, צוליב וועלכן עס איז נויטיג די שפּראַך פון לאַנד. עס האָבן זיך גענומען וויַיזן דאַן די גרויסע אידישע „פּאָדריאַד־טשיקעס", און „אָטקופּשטשיקעס", וועלכע ער האָט שפּעטער באַשריבן אין „ווינשפינגערל", — און אַרום די גרויסע גבירים האָבן געלעבט א סך אידן, וועלכע האָבן שוין געמוזט קענען רוסיש צוליב די געשעפטן, וואָס זיי האָבן געהאַט מיט די רעגירונגס־באַאמטע. בילדונג איז געוואָרן א פּרנסה־זאַך, האָט מען שוין נישט געקאָנט מער באַנוגענען זיך ניט מיט דער שפּראַך פון די נביאים און אויך ניט מיט דעם לשון פון געטע און שילער.

עס האָט זיך דערנענט די עפּאָכע פון די 60־ער יאָרן, די עפּאָכע, ווען עס האָט זיך פאַרשטאַרקט אין רוסלאַנד די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט און עס איז געוואַקסן אינאיינעם מיט איר די אידישע גרויס־בורזשואַזיע און איר נויגונג צו אַסימילאַציע; די עפּאָכע פון פּאָזיטיוויזם און נאַטורוויסענשאַפט, פון פּיסאַרעוו (אין רוסיש) און קאָוונער (אין העברע־איש) — און ש"י אַבראַמאָוויטש איז געווען איינער פון די ערשטע אָנזאָגער פון אָט דעם נייעם השכלה־גייסט... די משכילים פון אַלטן דור, די „בערלינער", האָבן פון דער קאַזיאָנער שול געוואָלט מאַכן א מין פאַבריקל פון קליינע משכילים'לאך, און היות ווי אָן דייטש איז א משכיל קיין משכיל נישט, האָבן אָרימע אידישע קינדערלאך געפּייניגט זיך, נעבאַך, און פאַרטייטשט חומש און חיי־אדם אויף טייטש. מענדעלי איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן דערפילט די אומנאַטירליכקייט פונ'ם משכילישן דייטש...

אַלזאָ, אין די ערשטע משכילישע אַרבעטן אַב־ראַמאָוויטש'עס זיינען געווען שוין סמנים פון זיין שפּעטערדיגן נעאָ־משכילישן רעאַליזם, פונ'ם רעאַ־ליזם, וואָס איז אין מענדעלי'ס שאַפן נישט ווינציגער וויכטיג, ווי זיין ליבע צו דער נאַטור און זיין נייגונג צו סאַטירע, וועלכע זיינען געווען שוין אין זיינע אינגלשע ווערק.

דער רעאַליזם איז נאָך קענטיגער געווען אינ'ם ליטעראַריש־קריטישן ספר'ל „משפּט שלום", וואָס

---

*) „הדואר", נומער י', 1925.

**) „וביחוד תתן לבך ללמוד שפת רוסיא בכל פרטיה ודקדוקיה, כי אז תשכיל ואז תצליח", דאָרט, נומער ח'.

איז געשריבן געווען אין יאָהר 1859. מיט פינף יאָר פריער, איידער אין דער העברעאישער ליטעראַטור איז אַרויסגעטראָטן פּיסאַרעוו'ס תלמיד, סקאָונער, — מיט פינף יאָר פריער הויבט דער יונגער אַבראַמאָוויטש אָן אַ שטרייט קעגן דער מליצה־ראָמאַנטיק, קעגן דער ראָמאַנטיק פון ווערטער, און ער איז די „ערשטע שוואַלב" פון דער נייער רעאַליסטישער שטרעמונג אין דער העברעאישער ליטעראַטור (איך זאָג מיט אַ כיון: אין דער העברעאישער, ווייל די אידישע ליטעראַטור איז פון אָנהויב אָן געווען און האָט אַנדערש נישט געקאָנט זיין ווי רעאַליסטיש).

די העברעאישע השכלה־ליטעראַטור איז דאַן נאָך געווען פול מיט יענעם סאָרט מליצה, וועגן וועלכער אַלטער יכנה"ז זאָגט, אין „פּישקע דעם קרומען": „פוילע סחורה! שמאַכטעס פון עפּעס פאַרשימלטע באַנקוועטשערעס, אָרימע בעל עבירה'ס! וויים איך וואָס זיי האָבן דאָרט עפּעס אָנגעמאַכט! פאַר וועמען? קיינער פון עולם פאַרשטייט דאָרט נישט אפילו קיין וואָרט. עפּעס טערקיש, מישטיינס געזאָגט, לשון!" אַבראַמאָוויטש איז שאַרף אַרויס קעגן אָט דער „פוילער סחורה". זיין דאַמאָלסדיג פּראָגראַם האָט ער שפּעטער אַזוי פאָרמולירט: „איך האָב געוואָלט מיט'ן גאַנצן הארצן, אַז אונזערע מליצים און דיכטער זאָלן נישט ריידן קיין הויכע פראַזן (לא ישיתו בשמים פיהם לדבר גבוהה, גבוהה), זאָלן נישט נעמען פאַר שטאָף צו זייער שרייבן די „בנות לוט", „אשת פּוטיפרע" וכדומה פאַרשווינען א. אַ. וו., נאָר זיי זאָלן זיך אָפּגעבן מיט ממשות'דיגע זאַכן (לשונם תהלך בארץ), זיי זאָלן זיך צוקוקן צום לעבן פון פאָלק און צו אַלץ, וואָס טוט זיך ביי אים אין דערהיים און אין קהל, און זאָלן עס אים אַלץ אָפּמאָלן; זיי זאָלן זען אויסבעסערן זיין געשמאַק מיט אַ ריינער, אַ שענער און אַ לאָגישער שפּראַך, אויך זאָלן זיי אים גוטע קלוגע לעקציעס געבן, עס זאָל פאַרשטענדיגער ווערן".

אַלזאָ, דריי זאַכן: רעאַליזם פונ'ם אינהאַלט; אַ שענע, אָבער אַ ריינע, אַ לאָגישע שפּראַך; קלוגע לעקציעס (דידאַקטיק).

דאָס האָט אַבראַמאָוויטש געפאָדערט פון אַנדערע — און אויך פון זיך; דאָס איז געווען זיין פּראָגראַם.

זיין ווייטערדיגע ארבעט איז די אויספירונג פון דער פּראָגראַם.

אין 1862 הויבט ער אָן אַרויסצוגעבן „תולדות הטבע", אַ באַארבעטונג פון אַ דייטשער נאַטור־געשיכטע. ער מאַכט רייכער מיט זיין ארבעט די העברעאישע שפּראַך, הויבט אָן אין איר שאַפן אַ מאָדערנע נאַטור־וויסנשאַפטלאַכע טערמינאָלאָגיע. זיין עיקר כונה אָבער איז באַקענט צו מאַכן דעם אידישן לעזער מיט די פּאָזיטיווע וויסנשאַפטן, ער

זאָל זיך אָפּגעוואוינען פון אומקלאָרע, אָפּט פּוסטע, מליצה'דיגע פּראָזן פון דער „הימלישער טאָכטער".*)

אין דער אייגענער צייט שרייבט ער אויף העברעאיש אַ דערציילונג פון'ם רעאַלן לעבן, „למדו היטב" — אַ דערציילונג, וועלכע איז שפּעטער פון אים פאַרגרעסערט געוואָרן און איז אויסגעוואַקסן אין דעם ראָמאַן „האבות והבנים", (אָדעס, 1868), וועלכער איז איבערגעזעצט געוואָרן פון מאַנוסקריפּט אויף רוסיש דורך זיין פריינד ל. בינשטאָק**) און איז זייער גוט אויפגענומען געוואָרן פון דער קריטיק, כאָטש ער איז געווען שטאַרק טענדענציעז און האָט געהאַט מער אַ געזעלשאַפטליכע, ווי אַ קינסטלערישע באַדייטונג.***)

אין יאָר 1867 פאַרעפענטליכט ער נייע ליטעראַריש־קריטישע און פּובליציסטישע אַרבעטן אונטער'ן נאָמען „עין משפט", הויבט אָן איבערזעצן אויף העברעאיש פון רוסיש, לויט דעם אויפטראַג פון „מפיצי השכלה", אילאָווייסקי'ס רוסישע געשיכטע****) און איז בכלל זייער אַקטיוו אינ'ם ענין פון פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן אידן.

אָבער מיר האָבן שוין געזען, אַז ער האָט געהאַט זיינע אייגענע אידעען. אים זיינען אַ סך זאַכן ניט געפעלן געווען אין דעם גאַנג און די מעטאָדן פון די דאַמאַלסטיגע השכלה־טוער. ער האָט געוואָלט, אַז די בילדונג זאָל האָבן מער שייכות צום לעבן בכלל און צו די רעאַלע ממשותדיגע נויט באַ־

---

*) די אויסגאַבע פון „תולדות הטבע" איז געשטיצט געוואָרן פון דער חברה מפיצי השכלה, ווי אויך פון די ספּעציעלע פאָנדן פאַר אידישער בילדונג, וועלכע זיינען באַשטימט געווען פון דער רוסישער רעגירונג.

**) דאָס איז דער זעלביגער ל. בינשטאָק, וועלכער האָט מיטגעהאָלפן מענדעלין צו שרייבן „דער לופטבאַלאָן" (1869), „דער פיש, וואָס האָט איינגעשלונגען יונה הנביא" (1870) און האָט אויפגעשריבן מענדעלי'ס ערשטע קורצע ביאָגראַפיע אויף רוסיש („וואָסכאָד", (1884).

***) שפּעטער איז „האבות והבנים" איבערגעזעצט געוואָרן אויף אידיש און איז אריין אין מענדעלי'ס געזאַמלטע שריפטן.

****) די דאָזיגע אַרבייט איז אינמיטן איבערגעריסן געוואָרן. אַבראַמאָוויטש האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן דעם רעאַקציאָנערן גייסט פון דעם מאָנאַרכיסטיש־פּאַטריאָטישן היסטאָריקער, האָט ער זיך דערלויבט צו איבערזעצן פריי און מאַכן אַלערליי ענדערונגען, איז דאָס דעם דאַמאָלסטיגן קאָמיטעט פון מפיצי חשכלה ניט געפעלן געוואָרן, נאָר אין די פּראָטאָקאָלן האָבן זיי אָנגעגעבן אַן אַנדער מאָטיוו, פאַרוואָס אַבראַמאָוויטש האָט ניט פאַרענדיגט זיין אַרבעט. (זע ש. ל. ציטראָנ'ס זכרונות אין „דריי ליטעראַרישע דורות", 1.).

דערפעגישן פון אָרימען פאָלק בפרט. און אָט דאָס איז געווען איינע פון די אורזאַכן, וואָס האָבן געפירט דערצו, אַז ער זאָל נישט קאָנען זיך באַנוגענען מיט שרייבן בלויז העבּרעאיש. ער האָט עס אַליין דער־ציילט שפּעטער אין זיין אויטאָביאָגראַפיע:

„איך קוק זיך צו, האָט ער דאָרט געשריבן, צום לעבן פון מיין פאָלק און איך וויל אים געבן ספּורים פון אידישן קוואַל אויף דער הייליגער שפּראַך. דער רוב אָבער פאַרשטייט דאָך ניט די דאָזיגע שפּראַך און זיי רײדן עברי־טייטש, און וואָס קומט אַרויס דעם שרייבער פון זיין גאַנצער אַרבעט און פון זיין דענקען, אויב ער ברענגט דערמיט ניט קיין נוצן זיין פאָלק? די דאָזיגע פראַגע: פאַר וועמען אַר־בעט איך? האָט מיך ניט געלאָזט רוען און האָט מיך געבראַכט אין גרויס פאַרלעגנהייט; וואָרים די אידישע שפּראַך אין מיין צייט איז דאָך געווען אַ פּוסטע כלי, ניט געווען אין איר קיין שום גוטע, שיינע זאַך אַ חוץ שפּעטעריי, נאַרישקייטן און פּלאַפּלע־רייען, די אַרבעט פון נאַרישע לייט, וואָס האָבן ניט געקאָנט רײדן ווי מענטשן און האָבן קיין שום נאָמען ניט געהאַט. און די ווייבער און די פּראָסטאַקעס האָבן דאָס געלייענט און ניט פאַרשטאַנען וואָס זיי לייענען. און די איבעריגע פון פאָלק — כאָטש זיי האָבן ניט געקאָנט קיין אַנדער שפּראַך, האָבן זיך שטאַרק געשעמט צו לייענען זי, כדי ניט אַרויסצואַ־ווייזן זייער אָפּגעשטאַנענקייט. און אויב איינער האָט ניט געקענט ביישטיין דעם יצר הרע און עפּעס געלייענט אויף אידיש, האָט ער אַליין געלאַכט און זיך פאַרענטפערט: אָט קוק איך אַריין אין די „ווייבערשע ביכלאַך וואָס עס לייענען די נאַרישע נקבות, אָט מאַך איך מיר אַ שפּאַס". און אונזער׳ע שרייבער, די בעלי־לשון וואָס האָבן נאָר אין זינען געהאַט די הייליגע שפּראַך און זיך ניט אינטערעסירט מיט׳ן פאָלק — האָבן געקוקט אויף אידיש פון אויבן אַראָפּ און מיט גרויס שפּאָט. און אויב איינער פון צען האָט זיך אַמאָל דערמאָנט אַן דער „פאַרשאָל־טענער" און האָט עפּעס וואָס אָנגעשריבן, האָבן זיי דאָס באַהאַלטן אונטער זיבן שלעסער, האָבן דאָס באַהאַלטן אונטער זייער הייליגן טלית, כדי זייער שאַנד זאָל ניט אַנטפּלעקט ווערן און עס זאָל ניט שאַדן זייער גוטן נאָמען. און ווי גרויס איז דערי־בער געוואָרן מיין פאַרלעגנהייט, אַז איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אויב איך וועל מיך אַריינלאָזן אין דער „אומווירדיגער", וועט מיין כבוד זיך באַדעקן מיט שאַנד. איך האָב אויך אויסגעהערט די שטראָף־רייד פון מיינע פאַרערער, די „חובבי הלשון העברית", אויף דעם וואָס איך וועל פאַרשוועכן מיין נאָמען און כבוד צווישן אידן אָפּגעבנדיג מיינע כוחות דער דאָזיגער פרעמדער. אָבער די ליבשאַפט צום נוצלאָכן האָט אין מיר מנצח געווען דעם פּוסטן כבוד און איך האָב זיך באַשלאָסן: זאָל זיין וואָס עס וויל זיך,

איך וועל זיך דערבארמען אויף אידיש, די פארשטויסענע טאָכטער, און ס'איז צייט צו טאָן פאר'ן פאָלק. אויך איינער פון מיינע נייע פריינד (יהושע מרדכי ליפשיץ) איז צו מיר צוגעשטאַנען און ביי אונז ביידע איז געבליבן צו אַגיטירן און איבעררעדן דעם בעל „המליץ" ער זאָל ארויסגעבן א ציימונג אויף דער פאָלקס־שפראך. זאָל עס אים, דעם „בעל המליץ" גאָט געדענקען צום גוטן, וואָס ער איז געקומען צו הילף זיין פאָלק מיט זיין ציימונג „קול מבשר" און האָט געהאט גרויס ערפאָלג. און איך בין געוואָרן באַגייסטערט און אָנגעשריבן מיין ערשטע ערציילונג"*) —

דאָס איז געווען „ד אָ ס ק ל י י נ ע מ ע נ ט ש ע ל ע אָדער א לעבענסבאשרייבונג פון אברהם יצחק תקיף, געדרוקט בהשתדלות מענדעלי מוכר ספרים".

„דאָס קליינע מענטעלע" איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן אין „קול מבשר", אין יאָר 1864, און איז דערנאָך עטליכע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן מיט גרויסע ענדערונגען און הוספה'ס.

צום ערשטן מאָל האָט ש. י. אבראמאָוויטש זיך דאָ געחתמ'עט מיט זיין פסעוודאָנים מ ע נ ד ע ל י מ ו כ ר ס פ ר י ם.**) און צום ערשטן מאָל האָט ער אונז דאָ געוויזן, אַז מענדעלי מוכר ספרים איז אַן אייגנאַרטיגע קינסטלערישע געשטאַלט, נישט נאָר א פּען־נאָמען פון שלום יעקב אבראמאָוויטש.

און מענדעלי מוכר ספרים האָט אינגיכן געקראָגן נאָך א גרעסערן שם, ווי עס האָט געהאַט ש. י. אבראַמאָוויטש. „דאָס קליינע מענטשעלע" האָט אפילו אין זיין ערשטער, נאָך זייער רויער, פאָרם, אויסגענומען, — און ש ט אַ ר ק אויסגענומען, — ביים עולם. ד אָ ס ק ל י י נ ע מ ע נ ט ש ע ל ע איז געוואָרן א שם דבר, א טיפ, אַזוי ווי פריער א. מ. דיקס'עס „חייציקל אַליין", אָדער שפּעטער שלום עליכם'ס „מנחם מענדל". „ווען א קליינשטעטלדיגער קאָרעספּאָנדענט (אין „קול מבשר"), שרייבט דר. וויינרייך, וויל דערלאַנגען זיינע געגנער דעם אמת'ן שטאָך, שרייבט ער אויף זיי: „די קינדער קענען פון דעם תלמוד תורה רבי'ן אַזויפיל ווי דאָס קליינע מענטשעלע פון זיין רבי'ן ויאמר למך לנשיו"...

„פון דעמאָלט אָן, דערציילט מענדעלי אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, האָב איך זיך פארליבט אין אידיש

---

*) לויט דער אידישער איבערזעצונג אין מענדעלי'ס „אַלע ווערק".

**) ער האָט זיך אַליין געווען אונטערגעשריבן ס ע נ ד ע ר ל מוכר ספרים, נאָך אַלעקסאַנדער צעדערבוים, דער ארויסגעבער פון „קול מבשר", האָט, ווי עס ווייזט, נישט געוואָלט, אַז מען זאָל רעכענען, אַז דאָס איז ער, האָט ער איבערגעמאַכט אַבראַמאָוויטש'עס פּען־נאָמען פון סענדערל אויף מענדעלי מוכר ספרים.

און האָב די שפּראַך צו מיר פאַר'קנס'ט אויף אייביג און האָב איר געגעבן די בשמים און קרייטעכצער, וואָס איר קומט, און זי איז געוואָרן אַ שיינע, באַחנ'טע פּריצטע און האָט מיר געוואונען אַ סך זין."*)

אידיש איז פאַר מענדעלי'ן געוואָרן שוין מער ווי בלויז אַ מיטל צו פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן די אידישע מאַסן. ער האָט שוין די שפּראַך און די ליטעראַטור גופא ליב געקראָגן. ער האָט שוין געשריבן אידיש נישט בלויז דערפאַר, ווייל דאָס פאָלק, די אָרימע ברידערלאַך, נעבאַך, דאַרפן עס, נאָר ווייל אים אַליין איז עס נויטיג...

ווען אידיש זאָל נישט זיין ביי אבראַמאָוויטש'ן קיין איך־פראַגע, ווען אידיש־שרייבן וואָלט געווען ביי אים נאָר א צדקה־זאַך, ווי ביי אַנדערע משכילים, וואָלט ער נישט געלאַכט אַזוי ביטער פון די בעל־לשונ'ס, די בעל־גאוה'ניקעס, וואָס שעמען זיך מיט אידיש און האַלטן עס פאַר אַ ווייבערשע, אַן עם־הארצ'ישע זאַך; וואָלט ער נישט געזאָרגט אַזוי פאַר אידיש: מען זאָרגט נישט פאַר אַ זאַך, וואָס טויג נאָר א מיטל צו זיין; מען מאַכט נישט קיין ווערן פון דעם, וואָס היינט איז עס פאַראַן און מאָרגן — אויס. די שרייבער־משכילים, וואָס פאַר זיי איז אידיש געווען נאָר אַ זאַך פון היינט — זיינען דער בעסטער באַווייז דערצו. זעלטן ווער פון זיי האָט געמיט זיך זיין אידיש זאָל זיין ריין, שיין; מען האָט געשריבן אַבי ווי, אַבי וואָס. אפילו די, וואָס האָבן געצאַצקעט אין העברעאיש יעדעם וואָרט, געזוכט עס זאָל זיין „על טהרת השפה", האָבן אויף אידיש גערעדט „שיחות חילון", גראַם־שטראַם, האַלב־דייטשיש, פּאָלאָווינאַ־רייסיש. אידיש איז די שפּראַך פון מאַרק, פון קיך; פאַראַן דאָ, מיט וועמען איידלקייט צו פּראָווען! נישקשה, זיי וועלן פאַרדייען, די שניידער־יונגען און די דינסט־מוידן, זיי וועלן לעקן די פינגער. זיי פאַרשטייען זיך דען אויף בעסערס?

מען איז זיך מיט אידיש באַגאַנגען נישט ווי מיט א „דינסט מויד", נאָר ווי מיט אַ שטיפקינד, וואָס מ'האַלט פאַר נויטיג געבן אים צו פילן, אַז עס איז אַ שטיפקינד... אבראַמאָוויטש האָט באַוויזן, אַז ס'איז נישט אַ פרעמדס, נאָר אַן אייגנס, טאַקע אַן אייגנס, אַ פאַרמעגן, א ירושה פון דורות...

באַלד נאָך „דאָס קליינע מענשעלע" האָט מענדעלי אָפּגעדרוקט דעם ערשטן נוסח פון „ווינשפינגערל" (וואַרשע, 1865). דאָס איז געווען אַ קליין ביכעלע, אַזוי ווי אַ המשך פון „דאָס קליינע מענשעלע", און זיין צוועק איז געווען צו פאַראינטערעסירן די לעזער מיט אַ סעריע נאַטורוויסנשאַפטליכע ביכער, וועלכע אבראַ־

*) לויט דער — פריער דערמאָנטער — אידישער איבערזעצונג.

מאָוויטש האָט זיך דאָן, ווי עס ווייזט, געקליבן ארויס־צוגעבן אויף אידיש אין אַ מער פּאָפּולערער פאָרם, ווי זיין העברעאישער „תולדות הטבע". פון אָט דעם „ווינשפינגערל" איז עס שפּעטער מיט יאָרן געוואָרן דאָס צוויי־בענדיגע בוך אונטער דעם זעלביגן נאָמען — נאָר מיט גאָר אַן אַנדער אינהאַלט — דאָס רייכסטע ווערק מענדעלים, — וואָס מיר קענען פון זיינע „אַלע ווערק".*)

צו יענער צייט האָט שוין אַבראַמאָוויטש אַליין געמוזט אָנהויבן זאָרגן פאַר הוינה. דער שווער האָט אים נאָך אויסגעהאָלפן,**) אָבער דאָס איז, ווי עס ווייזט, געווען אים נישט לרצון, און אפשר זיינען די געשעפטן ביי זיין שווער שוין נישט גוט געגאַנגען, האָט ער זיך געמיט צו ווערן עקאָנאָמיש זעלבסטשטענדיג. ער האָט געזוכט אַ לערער שטעלע, אָבער — אומזיסט, ער האָט נישט געקראָגן קיין שטעלע. איז זיין איינציגער מקור פון פרנסה געווען — די ספרים, וואָס ער האָט געשריבן.***) ער פלעגט זיי שיקן צו זיינע פריינד (צום ביישפּיל, צו אברהם גאָלדפאַדען'ען אין זשיטאָמיר), אַז זיי זאָלן זיי פאַרקויפן, אָדער ער פלעגט זיך ווענדן מיט זיינע חבורים צו סתם אידן משכילים. און אַמאָל פלעגט ער אַליין אַריינפאָרן אין דער אָדער יענער שטאָט מיט דעם צוועק צו פאַרקויפן זיינע געדרוקטע ווערק. אָבער די הכנסה דערפון איז געווען אַ נישטיגע. דאָס רוב פלעגט ער זיין צופרידן, אַז ער פלעגט אויסשלאָגן די הוצאות פון דרוק. איז זיין מאַטעריעלע לאַגע געווען זייער אַ געדריקטע. „סאיז געקומען די צייט, האָט ער געשריבן צו ל. בינשטאָק אין יאָר 1864, — ווען איך מוז עפּעס טאָן פאַר מיין הויזגעזינד און איך ווייס ניט וואָס צו אונטערנע־

---

*) אין העברעאיש איז עס אַרויס, אין מענדעלים אייגענער איבערזעצונג, אונטערן נאָמען „בעמק הבכא". דער צווייטער טייל איז אפילו געדרוקט געוואָרן פריער אויף העברעאיש און דערנאָך ערשט אויף אידיש, אָבער ג ע ש ר י ב ן האָט מענדעלי אויך דעם טייל פריער אויף אידיש. „אַזוי איז מיר גרינגער", האָט ער געזאָגט אַמאָל (אפשר ניט פונקט מיט די ווערטער) צו זיין פריינד ש. דובנאָוו — „שאַפן דעם אינהאַלט, די לעבנסבילדער, אויף דער שפּראַך פון אָט דעם לעבן און דערנאָך ערשט אָנקליידן די בילדער אין די קלאַסישע נאַציאָנאַלע קליידער" (זע דובנאָו'ס זכרונות וועגן מענדעלין אין די „ליטעראַרישע בלעטער" נומ. 45, 1877.)

**) נאָך אין 1868 האָט ער אין אַ בריוו צו זיין פריינד בינשטאָק געשריבן, אַז „איך קום נאָך אַלץ אָן צו מיין שווער'ס קעסט" — זע ש. גינזבורג: „מענדעלי מוכר ספרים און זיינע בריוו" אין די „צוקונפט", ז. 65, 1923.

***) לויט ש. ל. ציטראָן („דריי ליטעראַרישע דורות", 1) האָט ער יע געהאַט אַ לערער־שטעלע, אָבער איך גלויב, אַז מען קאָן זיך מער פאַרלאָזן אויף מענדעלים פריינד, י. ח. ראַבניצקי.

מען. ביז יעצט בין איך געווען אינגאנצן פארטאָן אין ליבע צו אונזער הייליגער שפּראַך. איך פלעג טאָג ווי נאכט האָרעווען כדי אויסצוהעלפן מיט מיין ביסל קענטעניש מיינע מיטברידער, פארגעסנדיג, אז איך האָב אַ ווייב מיט קינדער. איך האָב געהאלטן אין איין טראַכטן וועגן דעם נוצן פון מיין פאָלק און איך האָב פארגעסן צו זאָרגן וועגן מיינע קליינע קינדער, און איצט, ווען עס שטייט פאר מיר קלאָר מיין גרויסע פליכט קעגן מיין הויזגעזינד, ווער איך פארציטערט דערזעענדיג, אז נאָך אלע מיינע מי און האָרעוואניע קומט מיר קיינער נישט צו הילף".*)

קיינער איז אים נישט געקומען צו הילף,**) אָבער ער האָט נאָך אלץ געטראַכט וועגן זיין פאָלק, נישט נאָר וועגן זיינע אייגענע זאָרגן. און די ביכער, וואָס ער האָט אין יענער צייט געשריבן, האָבן כמעט אלע געהאט פאר זייער ציל העלפן די אידישע פאָלקסמאסן ארויסראַטעווען זיך פון זייער ביטערער מאַטעריעלער לאַגע און שטעלן זיך אויף אַ העכערער גייסטיגער מדרגה.

דאָס איז געווען דאָס ציל פון „תולדות הטבע", פון „האבות והבנים", פון „דאָס קליינע מענטשעלע" און דעם ערשטן וואריאנט פון „ווינטשפינגערל", און דאָס איז מענדעלי אויסן געווען אויך מיט „פישקע דער קרומער", "אַ מעשה פון אידישע אָרימע לייט", (זשיטאָמיר, 1869) און „די טאַקסע, אָדער די באַנדע שטאָט בעלי טובה'ס") (זשיטאָמיר, 1869).

„פישקע דער קרומער" איז אין דער ערשטער אויסגאַבע, אזוי ווי דאָס „ווינטשפינגערל", געווען אַ קליין ביכעלע פון עטליכע צענדליג זייטלאַך און ערשט שפּעטער איז עס זיך פאַנאַנדערגעוואָקסן און געוואָרן יענער גרויסער ראָמאַן, וואס מיר קענען איצט:***)

(אין דעם פארגרעסערטן פאָרמאַט איז „פישקע" ארויס צום ערשטן מאָל אין יאָר 1888).

„פישקע דער קרומער" איז פון אויבנאויף אַ ראָמאַן פון דעם לעבן פון אידישע בעטלער, פון יענע בעטלער, מיט וועלכע ער האָט זיך אזוי גוט באַקענט פריער אומשלעפנדיג זיך מיט אברהמ'ל דעם הינקעדיגן און שפּעטער אין בערדיטשעוו. אין תוך אָבער איז עס אַ סאַטירישע שילדערונג פון דעם גאנצן אידישן קהל, פון דער גאנצער „גרויסער אידישער

*) ש. גינזבורג: „מענדעלי מו"ס און זיינע בריוו", דאָרט.

**) אין די פּראָטאָקאָלן פון דער חברה מפיצי השכלה. פון 27 מאַי, 1865, געפינען מיר אַ באַשלוס צו „לייען אַבראַמאָוויטש'ן 200 רובל (ער האָט געבעטן 300) אויף אויסצאָלן אין משך פון צוויי יאָר, אויב ער וועט צושטעלן דעם קאָמיטעט אַן ערבות".

***) אין אַ העברעאישער איבערדיכטונג פון מענדעלין אליין איז עס אַרויס אין אַ באַזונדער בוך ערשט אין יאָר 1913 אונטערן נאָמען „ספר הקבצנים".

טאַרבע", פול מיט וואונדערליכע לעבנסבילדער און אָריגינעלע נאַטורשילדערונגען.

„די טאַקסע" איז אַ סאָציאַלע דראַמע אין פינף אַקטן, און כאָטש ער האָט אַליין געזאָגט, אַז ער האָט אין זינען דאָ ארויסצושטעלן נאָר „די אונטערדריקונגען, וועלכע די אָרימע אידישע שיכטן ליידן אויס פון דער קאָראָבקע", איז ער דאָך פאַקטיש אויסן געווען נישט דעם בעל טאַקסע אַליין, נאָר די גאַנצע באַנדע שטאָט בעלי טובה'ס, די אַלע שינדערס, פיאַווקינס, קנעכטבארגס, פרעכמאַנס, און דערהויפט האָט ער געוואָלט ארויסברענגען ר' שלמה וועקער, וועלכער שטעלט זיך אַנטקעגן די בעלי טובה'ס און טרעט ארויס קעגן זיי מיט פלאַמפּייערדיגע טענה'ס און פּראָטעסטן אין נאָמען פון יושר און פון דער אָרימער שטומער פאָלקסמאַסע...

שרייבנדיג די „טאַקסע" האָט מענדעלי געהאַט פאַר זיינע אויגן די טובי העיר, די פיינע בריה'ס פון זיין אייגענער שטאָט בערדיטשעוו און ס'איז אַ סברה, אַז בתוכם איז געווען אויך זיין אייגענער שווער.*) זיי האָבן זיך אַליין דערקענט אין דער „באַנדע שטאָט בעלי טובה'ס" און — אַנדערע האָבן זיי דערקענט. מען האָט גענומען טייטלען אויף זיי מיט די פינגער און אָנרופן זיי מיט די נעמען, וואָס עס האָבן די פאַרשוינען פון דער „טאַקסע".

— איר זעט, — האָט מען געזאָגט מיט אַ געלעכטערל, — אָט יענעם שיינעם אידן? דאָס איז ר' איציק וואָלף ספּאָדיק! און אָט דעם־אָ קענט איר? דאָס איז ר' יאָסעלע שינדער!

און מיט די נעמען אַליין האָט מען זיך נישט באַנוגנט. מען האָט געברויכט אויך די אַלע שאַרפע ווערטלאַך, די אַלע מורנו'ס, וואָס מענדעלי (אָדער ר' שלמה וועקער) איז מכבד מיט זיי די כנופיא אין דער „טאַקסע".

— איר ווייסט, ווער דאָס איז? — האָט מען געזאָגט, אַ שטייגער, אויף איינעם: דאָס איז ר' מענדעל דער געלער, „סלוזשעט ביי די בעל טובה'ס און פאַלט־אָן אויף וועמען מען הייסט"...

דאָס האָט די בערדיטשעווער רעדלפירערס ארויסגעבראַכט פון די כלים. זיי זיינען געוואָרן אויף מענדעלין אש להבה. זיי האָבן אים שוין גוט געקענט פון די קהל'שע אסיפה'ס אין בערדיטשעוו. ער פלעגט זיי דאָרט אויך ניט שאַנעווען. אָבער אַז ער זאָל ארויס עפענטליך אין דרוק, און מאַכן, ווי ער זאָגט אין דער פאָררעדע, „אַ באַזונדער צעטל פון די אַלע פערזאָנען, וואָס קומען פאָר אין דער מעשה, כדי זיי זאָלן אַלע שטיין פאַר די אויגן און מען זאָל זיי געדענקען" — אויף דעם האָבן זיי זיך נישט געריכט.

*) זע די זכרונות פון ש. אַנ—סקי.

און זיי האָבן אים גענומען אָנטאָן צרה'ס, געבראַטענע לײדן. זיי האָבן אים געװאָלט עוקר מן השורש זײן. „עס האָבן זיך פאַרשפּרײט קלאַנגען, דערצײלן זײנע טעכטער אין זײערע ערינערונגען, אַז זיי האָבן באַשלאָסן ניט אָפּצושטעלן זיך פאַר קײן זאַך, אַפילו פאַר מאָרד.“*) דאָס זײנען מסתמא געװען גוזמא'דיגע קלאַנגען, אָבער אַבראַמאָװיטש'עס פרײנד זײנען געװאָרן אומרואיג, און עס איז געבליבן, אַז ער זאָל פאַרלאָזן בערדיטשעװ, װאו ער האָט אָפּגעװאױנט קײלעכדיגע צען יאָר, און באַזעצן זיך אין זשיטאָמיר.

6

אין זשיטאָמיר.

שטודירט אויף ראַבינער — „די קליאַטשע“. — זײן מאַטעריעלע לאַגע. — „דאָס יודל“. — „קצור מסעות בנימין השלישי“. — פערזענלאַכע זאָרגן און אָפּשטעל פון ליטעראַרישן שאַפן.

זשיטאָמיר געפינט זיך אין זײער אַ שײנער געגנט, און מענדעלי האָט דאָ נאָך אָפטער זיך געטראָפן מיט דער „יפיפה“ — דער נאַטור, װי אין בערדיטשעװ. ער האָט זיך באַזעצט מיט זײן פאַמיליע הינטערן שטאָט, אויף דער צװענטאַרנער גאַס, נאָענט צום טײך, לעבן װאַלד. זיי האָבן געװאױנט אין אַ קלײן הײזל, װאָס האָט געהאַט אַרום זיך אַ גאָרטן און אַ סאָד... מענדעלי איז געװען צופרידן, װאָס ער איז איצט „נענטער צו דער נאַטור.“**) זײן ליטעראַרישע אַרבעט איז געװאָרן נאָך פּראָדוקטיװער, װי פריער, און אַ חוץ דעם האָט ער זיך װידער גענומען לערנען. אין זשיטאָמיר איז געװען דאַן דער באַרימטער ראַבינער־סעמינאַר, האָט מענדעלי גענומען זיך גרײטן צום עקזאַמען, כדי צו באַקומען אַ ראַבינער־דיפּלאָם. דעם עקזאַמען האָט ער איננגיכן אויסגעהאַלטן. צי האָט ער אָבער געקראָגן אַן אַטעסטאַט אויף צו קענען װערן אַ ראַבינער, װײסן מיר ניט.***) מיר װײסן נאָר, אַז קײן ראַבינער איז ער ניט געװאָרן, און דאָס איז זיכער געװען אַ גליק פאַר דער אידישער ליטעראַטור, װאָרום

---

*) דער „טאָג“ פון 8־טן דעצעמבער, 1927.

**) זע די ערינערונגען פון זײנע טעכטער, „טאָג“ פון 8־טן דעצעמבער, 1927.

***) י. ח. ראַבניצקי שרײבט, אַז ער האָט יע באַקומען אַן אַטעסטאַט אויף ראַבינער, נאָר ער האָט אים נישט באַנוצט (זע „דור וסופריו“, ז. נ"ז) לויט ש. ל. ציטראָן אָבער האָט ער קײן דיפּלאָם נישט באַקומען. ער האָט נאָך די עקזאַמענעס געדאַרפט האַלטן שבת אַ דרשה אין שול, אַ פּראָבע־רעדע, װאָס האָט געדאַרפט װײזן צי ער טויג פאַר אַ ראַבינער. אַבראַמאָװיטש האָט די רעדע געהאַלטן, אָבער אָנשטאָט צו לויבן אין איר די רעגירונג און װײזן די נוצליכקײט פון בילדונג, װי עס האָבן זיך געפירט די תשכלח־

ווער ווייס צי וואָלט ער אַלס ראַבינער געהאַט די מעגליכקייט צו פאַרעפנטליכן דאָס נייע גרויסע ווערק, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין אַ פּאָר יאָר אַרום נאָך זיין באַזעצן זיך אין זשיטאָמיר — „די קליאַטשע"?

„די קליאַטשע אָדער צער בעלי חיים" (צום ערשטן מאָל געדרוקט אין וואַרשע, 1873) האָט מענדעלי אַרויסגעגעבן אַנשטאָט אַ המשך פון דער „טאַקסע". „די קליאַטשע" איז געשריבן אין אַ דערציילערישער, נים אין אַ דראַמאַטישער פאָרם, ווי זיין ערשטע סאַטירע אויף דער באַנדע שטאָט בעלי־טובה'ס, אָבער עטליכע קאַפּיטלאַך זיינען דאָ אין איר, וועלכע דערמאָנען שטאַרק אָן דער דראַמע, וואָס האָט געמאַכט אוממעגליך פאַר אים צו בלייבן אין בערדיטשעוו. דאָס זיינען די קאַפּיטלאַך, וואו עס רעדט זיך וועגן די צרה'ס, די יסורים, וואָס די ק ל י אַ ט ש ע — די כנסת ישראל — האָט נעבאַך אויסצושטיין ביי זיך אין דער היים, פון די אייגענע, היימישע, בעל טובה'ס. די דאָזיגע קאַפּיטלאַך האָט מענדעלי געהאַט דערהויפּט אין זינען, ווען ער האָט געשריבן אין זיין פאָררעדע, אַז „די דאָזיגע אָבער פון אַ גרעסערער מדרגה וועלן שוין אין איר („דער קליאַטשע") געפינען עפּעס אַ וואונק, אַ רמז אַקעגן אונז זינדיגע מענטשן. איך, אַ שטייגער, אין מיין מדרגה, האָב אין איר געפונען כמעט אַלע אידישע נשמה'ס, אַלע אונזערע נפשות און דעם סוד, וואָס זיי טוען דאָ אויף דעם עולם. איך בין ביי מיר גאַנץ זיכער, אַז בשעת לייענען וועלן אַ סך פון אייך, רבותים, איטליכער אין זיין גראַד, זיך נישט קאָנען איינהאַלטן, איינער וועט מיט פייער אַ געשריי טאָן: „אי, דאָס איז אַן אָנצוהערעניש אַקעגן אונזער ר' יאָשען!" נאָך איינער: „אי, דאָס מיינט מען נתן ר' חייקעס! זלמן יעקעלע ר' מאָטעלעס! הערשקע רב אַבעלעס!" אַ דריטער: „איי, איי, איך האָב געפונען דעם סוד פון אונזערע טאַקסעס, פון אונזערע בעלי טובה'ס און פון אונזערע אַלע פירונגען!" וכדומה"...

מענדעלי האָט זיך, אַלזאָ, נים דערשראָקן פאַר דער כנופיה פון די בערדיטשעווער פיינע בריה'ס. ער האָט זיי אין דער „קליאַטשע" געמאַכט זיך נאָך מער „קראַצן", ווי אין דער „טאַקסע". ער האָט זיך אָבער מיט זיי אַליין נישט באַנוגנט. ער איז דאָ אַריבער דעם גרעניץ פון דעם אינווייניגסטן אידישן לעבן. ער האָט זיך גענומען אויסטענה'ן מיט דער גאַנצער וועלט. ער האָט שוין דאָ געשטעלט נישט

רבנים, איז ער גאָר אַרויס מיט טענה'ס און שטעכווערטלאַך קעגן די גבירים, די קהל'שע רעדלפירער, די תקיפים, און איז בכלל אַריינגעפאַלן אין דעם סאַטירישן טאָן פון דער „טאַקסע". דאָס איז דעם עולם געפעלן געוואָרן, אָבער... נים דעם אינספּעקטאָר פון דעם ראַבינער־סעמינאַר. (זע „דריי ליטעראַרישע דורות", 1).

נאָר פאַרשיידענע טיילן פון דעם אידישען פאָלק איינע אנטקעגן די אַנדערע, נאָר דעם גאַנצן אידישן פאָלק אנטקעגן דער רשעות פון דער וועלט. ער איז פון דער אידישער מ אַ ס ע אַריבער צום אידישן פ אָ ל ק. דער העלד פון דער „קליאַטשע" איז שוין ניט דאָס ק ל י י נ ע מ ע נ ט ש ע ל ע, ניט די באַנדע קהל'שע רעדלפירער, ניט דער קהל און ניט דער המון, נאָר — די גאַנצע א י ד י ש ע נ אַ־צ י ע, פון איין זייט, און די ו ו ע ל ט, פון דער אַנדער זייט. די מ אַ ס ע איז געווען און געבליבן (אין יענע צייטן) אַ שקאַפּע, אַ שטומע, פאַרמאַרעטע קליאַטשע, אָבער די נ אַ צ י ע — זי איז אַמאָל געווען אַ פּ ר י נ ץ. האָט זי אין מענדעלי'ן געוועקט געפילן פון טיפער ליבע, נישט נאָר רחמנות־געפילן, ווי די אָרימע מאַסע. געפילן פון יענער ליבע, וועלכע ווערט האַס, ווען מען באַליידיגט זי... יע, מענדעלי איז פול געווען מיט ליבע און מיט האַס, ווען ער האָט געשריבן „די קליאַטשע" — מיט ליבע צו דעם שטאָלצן „פּרינצישן" בלוט, וואָס רינט נאָך אין אירע אָדערן, מיט האַס — צו איר שטומער, שקלאַפישער אונטערטעניגקייט, צו איר פערדישער געדולד... „אומגליקליכער פּרינץ, בידנע קליאַטשע!" שרייט־אויס ישראליק־מענדעלי — און מיר פילן, אז דאָס איז דאָס שטילע ראַנגלען זיך, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אינעווייניג אין פאָלק אליין צווישן דער פּ ר י נ צ י ש ע ר נשמה און דעם ש ק אַ פּ י ש ן גוף... דער אינעווייניגסטער קאַמף צווישן דעם „פּרינץ" און דער „קליאַטשע" איז געווען דער אָנהויב פון דער אינעווייניגסטער באַפרייאונג... „די קליאַטשע" קאָן באַטראַכט ווערן, ווי דער ערשטער גרויסער חשבון הנפש, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט (דורך מענדעלי'ן) אָנגעהויבן מאַכן אין דעם לעצטן דריטל פון פאָריגן יאָרהונדערט...

„די קליאַטשע" איז אין דער אידישער ליטעראַטור געווען דער שטאַרקסטער אויסדרוק פון דער אויפוואַכונג פון אונזער נאַציאָנאַלן פּאַטאָס, אַזוי ווי די „טאַקסע" איז געווען דער הילכיגסטער געשריי בעת די געבורטס ווייען פון אונזער סאָציאַלער באַוועגונג...

„די קליאַטשע" האָט מענדעלי געשריבן גאָר מיט אַ באַזונדער ברען, ער האָט עס אָנגעשריבן אין זייער אַ קורצער צייט, אין עפּעס אַן אויסערגעוויינטלאַכן פיבערהאַפטיגן צושטאַנד (להיפוך צו זיין געוואוינלאַכן פאַמעלאַכדיגן און גלאַסענעם שטייגער שרייבן) — און עס האָט געמאַכט אין דער אידישער וועלט אַ רושם, וועלכער האָט ניט געהאַט צו זיך קיין גלייכן אין יענער צייט. נישט נאָר די אידישע אינטעליגענץ אין די גרויסע צענטרען האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דער „קליאַטשע", וואו עס זיינען אַזוי אייגנאַרטיג געשטעלט געוואָרן אַלע צייט־פראַגן און אַלע „אייביגע" פראַגן פון'ם

אידישן לעבן און פונ'ם לעבן בכלל. אויך אין די קליינע שטעטלאך האט מען געדורשט צו לייענען אט דעם אריגינעלן ווערק. „דאס ווארט „קליאטשע", דערציילט ס. ס. ווערמעל, איז געווען ביי אלעמען אין מויל. די, וואס האבן געהאט אן עקזעמפליאר פון אט דעם דינעם ביכל, האבן ארויסגערופן אלעמענס קנאה צו זיך. דאס ביכל איז געגאנגען פון האנט צו האנט, פון הויז צו הויז. איינע נאך די אנדערע פלעג מען זיך צונויפקומען אין די אוונטן אין פארשידענע וואוינונגען און הויך אויפן קול לייענען די „קליאטשע". דאס לייענען פלעגט באגלייט ווערן פון הילכיגן געלעכטער, וואס פלעגט פארביטן ווערן מיט טיפע זיפצן אדער גאר אויסברוכן פון געוויין. די שארפזיניגע אויסדריקן, די שטעכיגע אנצוהערענישן, וואס זיינען פול אויף יעדן בלעטל פון אט דעם ווערק, פלעגן אויפגעכאפט ווערן פון די באגייסטערטע צוהערער, גלייך אויפ'ן ארט איינגעחזר'ט ווערן און אויף מארגן שוין אריין אין די שמועסן, וועלכע זיינען געווען פול מיט ציטאטן פון דער „קליאטשע". גאנצע זייטלאך פלעגן אויסגעלערנט ווערן אויף אויסנווייניג און דעקלאמירט ווערן אויפן גאס, אינמיטן די געשפרעכן וועגן געשעפט און אין די שמועסן אין שול ביים דאווענען. איינציגע אויסדריקן זיינען געווארן פאלקסווערטלאך און אריין אין דער גערעדטער שפראך"...*)

„די קליאטשע" איז געווארן א פאלקס־בוך, אבער געשריבן געווארן איז עס לכתחילה ניט פארן פראסטן עולם, ווי די פריערדיגע ווערק מענדעלי'ס נאר „דוקא פאר'ן מיוחסים־עולם, פאר די וואוילקענער, וואס קאנען אים פארשטיין און פון זיינע רייד ארויסדרינגען אלערליי פשטים און פשטלאך."**) דאס איז די מיינונג פון דעם פארשטארבענעם יעקב דינעזאן, און אויך אברהם רייזען דערציילט אין זיינע עראינערונגען, אז נאך אין די אכטציגער יארן האט אים זיין רבי, וועלכער פלעגט ארויסגעבן ביכלאך אויף פראקאט, געזאגט, אז „די קליאטשע" איז נאר פאר אזעלכע, „וואס האבן געלערנט אין וואלאזשין"...***)

„די קליאטשע" איז פון מענדעלי'ס זון, מיכאל אבראמאוויטש, איבערגעזעצט געווארן אויף רוסיש, נאר מער ווי עטלאכע קאפיטלאך זיינען ניט געדרוקט געווארן, מחמת דער רוסישער צענזור איז עס ניט געפעלן געווארן, און דער זשורנאל „וואסכאד", וועלכער האט עס אנגעהויבן צו פארעפנטלאכן, איז פארמאכט געווארן דערפאר אויף זעקס חדשים.

---

*) זע ס. ס. ווערמעל: „מענדעלע אי יעווא קליאטשא", „נאווי פוט", נומ 1, מאסקווע, 1917.

**) יעקב דינעזאן: „ש. י. אבראמאוויטש און מענדעלי מוכר ספרים, „ליטעראַרישע בלעטער", נומ. 38, 1927.

***) זע „אלע ווערק פון מענדעלי מו"ס", באנד 17, ז. 207.

מיר ווייסן ניט אין וויפיל עקזאמפליארן „די קליאטשע“ איז פארשפרייט געווארן אין אידיש, נאר ווען אפילו דאס בוך זאל האבן געהאט די גרעסטע פארשפרייטונג וואלט מענדעלי מאטעריעל דערפון גארנישט ניט געהאט, ווייל ער האט עס שוין פריער פארקויפט ראמ׳ס דרוקעריי אין ווילנע. ער האט, אמת, גענומען א בערך הויכן האנאראר פאר יענער צייט — 40 רובל פון דרוק בויגן, אבער ציען חיונה דערפון האט ער, פארשטייט זיך, נישט געקאנט, און זיין מאטעריעלע לאגע איז אין זשיטאמיר געווען ניט בעסער, אויב נישט נאך ערגער, ווי פריער אין בערדיטשעוו.

אבער ער גיט זיך דאך אפ די גאנצע צייט נאר מיט ליטעראטור. ער שרייבט אזעלכע זאכן, וואס זיינען נאר פאר „וואווילקענער“, ווי „די קליאטשע“, און ער נעמט זיך אויך פאר מער פאפולערע ארבעטן, ווי, צום ביישפיל, „דער לופט באלאן“ (אן איבערארבעטונג פון זשול ווערן), זשיטאמיר, 1869. אן איבערזעצונג פון דעם „אוסטאוו איבער וואאינסקי פאווינאסט“ (זשיטאמיר, 1874), „דאס יודל“, א מין פירוש אויף דער געשיכטע פון דעם אידישן פאלק אין פערזן (ווארשע, 1875), „זמירות ישראל לליל שבת“, אן איבערזעצונג פון שבת׳דיגע זמירות אין גראמען מיט א פירוש (זשיטאמיר, 1875), „פרק שירה“, איבערגעזעצט אויף אידיש מיט א פירוש אויף לשון קודש (זשיטאמיר, 1875). ער זעצט איבער אויף אידיש תהלים (דער מאנוסקריפט פון דער איבערזעצונג איז שפעטער פארלארן געווארן). ער פירט אונטערהאנדלונגען מיט ראמ׳ס דרוקעריי אין ווילנע וועגן א נייער אידישער איבערזעצונג פון „קרבן מנחה“. ער גיט ארויס דעם „ניצליכן קאלענדאר פאר די רוסישע אידן“ (דער ערשטער איז ארויס אין זשיטאמיר 1877, דער לעצטער — אין אדעס, 1883), אויך א „לוח הסוחרים“ (ווילנע, 1879). אבער דאס אלץ גיט אים נישט גענוג אויף חיונה, און ער לעבט די גאנצע צייט אין דחקות און אין נויט. ער מאכט איין פרוב נאך דעם אנדערן צו קריגן א דערלויבניש ארויסצוגעבן א צייטונג. ער האט זיך משתדל געווען וועגן דעם נאך אין יאר 1867, ווען ער האט געוואוינט אין בערדיטשעוו (דאן האט זיך גערעדט וועגן א העברעאישער צייטונג). אין יאר 1871 זוכט ער צו קריגן א דערלויבניש אויף א אידישער צייטונג, ער פארט צוליב דעם ספעציעל קיין פעטערבורג, אבער עס קומט דערפון גארנישט ניט ארויס.*)

זיין לאגע ווערט גאר באזונדערס שלעכט ארום דעם יאר 1877. עס האבן זיך דאן אנגעהויבן צו שיטן אויף זיין קאפ צרה׳ס פון אלע זייטן. עס זיינען אנגעקומען אין זיין לעבן אזעלכע אומשטענדן,

*) ש. גינזבורג, צוקונפט, ז. 70, 1928.

וועלכע „האָבן אָפּגענומען ביי אים יעדן חשק צו ליטעראַרישער טעטיגקייט". אַזוי האָט געשריבן נאָך אין יאָר 1884 זיין חבר און פריינד בינשטאָק. אָבער וואָס זיינען דאָס געווען פאַר אַן אומשטענדן, האָט ער נישט געזאָגט. עס איז נאָך נישט געקומען די צייט, האָט ער דערקלערט, צו דערציילן די אַלע פּרטים. „מיר וועלן נאָר באַמערקן, האָט ער געשריבן, אַז אונטער דער ווירקונג פון אומשטענדן, וועלכע האָבן געדריקט ווי אַ שווערע משא, איז דער קוואַל, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שלאָגן, פּלוצלונג ווי אויסגעשעפּט געוואָרן און ער האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו ווירקן"... ערשט נאָך מענדעלי'ס טויט, האָט דער היסטאָריקער ש. גינזבורג, אויפ'ן סמך פון מענדעלי'ס בריוו צו בינשטאָק'ן, אויפגעהויבן אַ טייל — אָבער טאַקע נאָר אַ טייל — פון דעם פאָרהאַנג, וואָס הענגט נאָך עד היום איבער יענעם פּעריאָד פון מענדעלי'ס לעבן. ש. גינזבורג שרייבט, אַז אפילו איצטער (אין יאָר 1922!) איז „נאָך ניט געקומען די צייט צו ריידען אויספירליך וועגן די אַלע אומשטענדן, וואָס האָבן אין פאַרלויף פון יאָרן געדריקט אַבראַמאָוויטש'ן און שיר ניט געמאַכט פון אים אַ תל. מיר וועלן נאָר אָנווייזן, אַז אַ חוץ, וואָס ער האָט אין יענער צייט פאַרלוירן זיין טאָכטער ראַשעל (אַ יונגע, זייער באַגאַבטע קינסטלערין), וואָס זיין איינציגער זון איז מחמת פּאָליטישע סבה'ס אַרעסטירט און דערנאָך אויף עטליכע יאָר פאַרשיקט געוואָרן, זיינען געווען נאָך אויסערליכע שווערע אומשטענדן, אויך פאַמיליען-אַנגעלעגנהייטן, וועלכע האָבן אים זייער טיף באַרירט צוגלייך אי אַלס מענטש, אי אַלס איד"...*) אויך ש. ל. ציטראָן האָט, אויפ'ן סמך פון זיינע אַמאָליגע געשפּרעכן מיט אליעזר צבי הכהן צווייפל, וועלכער האָט געוואוינט אין זשיטאָמיר אין איין צייט מיט אַבראַמאָוויטש'ן, אַרויסגעזאָגט אַ השערה וועגן די פּאַסירונגען, אויף וועלכע עס האָט אָנגעוואונקען בינשטאָק (און אויך מענדעלי אַליין). לויט דער דאָזיגער השערה איז אַרום דעם יאָר 1877 פאָרגעקומען, אַ חוץ דעם, וואָס ש. גינזבורג דערמאָנט, נאָך עפּעס וואָס האָט פאַראומערט מענדעלי'ן דעם לעבן. און דאָס איז געווען אָט וואָס: איינער פון יענע פיינץ בריה'ס, וועלכע מענדעלי האָט באַשריבן אין דער „טאַקסע", איז געקומען פון בערדיטשעוו קיין זשיטאָמיר אָפּצורעכענען זיך מיט מענדעלי'ן. דאָס זאָל האָבן געווען יענער קהל'שער קאַבלעפּל, וועלכער פיגורירט אין דער „טאַקסע" אונטער'ן נאָמען ר' מענדל דער געלער — „אַ שטאָטשייגעץ, אַ בילער, סלוזשעט ביי די בעלי טובה'ס, און פּאַלט אַן אויף וועמען מען הייסט". ער זאָל האָבן דערשמעקט, אַז אַבראַמאָוויטש'עס אמת'ע פאַמיליע איז

---

*) „צוקונפט", ז. 67, 1928.

גאָר ניט אבראַמאָוויטש, אַז ער איז ניט פאַרשריבן אין דער קאַפּוליער „סקאַזקע“ און אַז ער איז, הייסט עס, אַ נ ע ל ם. צי די איבעריגע בערדיטשעווער שטאָט בעלי־טובה׳ס האָבן אים אָנגערייצט אויף זייער פיינד, צי דאָס איז געווען זיין אייגענער אויפטו — נאָר ער איז געקומען קיין זשיטאָמיר און האָט זיך אָנגעזעצט אויף אבראַמאָוויטש׳ען אַז ער זאָל אים „פאַרגיטיגן“, אויב ער וויל ניט האָבן אויף זיך קיין מסירה. אַ מסירה — און נאָך פון אַזאַ סאָרט — וואָלט געווען פאַר אבראַמאָוויטש׳ן און זיין פאַמיליע אַ גרויס אומגליק, ממש, אַ קאַ־טאַסטראָפע. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז ער איז צו יענער צייט געווען שוין לאַנג ניט קיין פשוט׳ער איד. ער איז געווען אַ באַרימטהייט, אַ וואָרטפירער ביי אידן. דערצו נאָך אַ שטיקל „מקורב למלכות“, וואָרום אין יאָר 1875 איז ער געווען אַ מיטגליד פון דער „אידישער קאָמיסיע“ אונטער דער אויפזיכט פון דעם ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר. קאָן מען זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ לאַגע וואָלט באַשאַפן געוואָרן פאַר אים, ווען מען זאָל זיך פּלוצלונג דער־וויסן, אַז ער איז גאָר אַ „נעלם“. האָט ער געהאַלטן אין איין „אָפּקויפן זיך“ פון דעם ג ע ל ז, דעם „בילער“, וועלכער איז געווען פּייאַיג אויף אַלץ. אָט איז ער שוין, דאַכט זיך, פטור געוואָרן פון אים און אָט איז יענער ווידער דאָ, ווי אַ זלידנע פליג. דאָס האָט אבראַמאָוויטש׳ען געמאַכט נערוועז, גע־שראָקן און געהאַלטן אין שטענדיגער אָנשטרענגונג. דאָס האָט אויך פאַרגרעסערט זיין נויט... „די הוצאות זיינען געווען גרויס“, — האָט ער שפּעטער — אין פרײַדן — דערציילט ש. דובנאָוו׳ן וועגן די ליידן פון יענער צייט — „אַ משפחה־זאַלבעזיבן. די הכנסה׳ס פון מיינע ווערק האָבן אפילו נישט גע־קלעקט אויף דירה־געלט. די ווילנער און וואַרשעווער פאַרלעגער האָבן מיך באַ׳גזל׳ט: שטילערהייט איבערגעדרוקט די „טאַקסע“, „קליאַטשע“ און „דאָס קליינע מענטשעלע“, בגנבה איבערפאַרקויפט איינער דעם אַנדערן די סטערעאָטיפּן פון מיינע ביכער... איך בין דערגאַנגען דערצו, אַז איך בין נישט געווען זיכער מיט׳ן מאָרגנדיגן טאָג“... נאָך אַ גליק, וואָס באַראָן האָראַצי גינזבורג, וועלכער האָט אים געקענט נאָך פון יענער צייט, ווען ער האָט געוואוינט אין קאַמענעץ און גע׳חבר׳ט זיך מיט די אַקציזניקעס פון זיין בראַנפן־קאָנטאָר, — האָט זיך דערוואוסט וועגן זיין שווערער לאַגע און אים אָנגעהויבן צו שיקן, דאַכט זיך, הונדערט רובל אַ חודש (דאָס איז געווען אין די יאָרן 1879—1880).*)

דאָס האָט אים אָבער נאָר אויסערליך געהאָלפן, זיין געמיטסצושטאַנד איז, ווי פריער, געווען זייער

---

*) זע ש. דובנאָוו׳ס עראינערונגען אין די „ליט. בלעטער“, נומ. 46, 1827.

געדריקט. ער האָט נישט געקאָנט מער שרייבן. „די צרות אין דער לעצטער צייט", האָט ער געשריבן שפּעטער, אין יאָר 1884, אין דער פּאָררעדע צום „פּריזיוו" — האָבן פאַרשטיינערט מיין האַרץ, אַזוי אַז די צונג האָט מיר זיך נישט געלעגט צו ריידן און די האַנט צו שרייבן אַ וואָרט. דאָס איז אַזאַ שווייגן, וואָס מאַכט זיך מיט אַ מענטשן, ווען שטאַרקע יסורים טרעטן צו מיט אַמאָל און קאָסטן אים געזונט און לעבן אַ סך מער ווי קרעכצן און וויינען מיט בלוטיגע טרערן; וואָס אויב אַזעלכעס געדויערט אָן עפּעס אַ הילף פון דער זייט, איז מען אין אַ גרויסער סכנה צו ווערן אוים מענטש".

גאַנצע זעקס יאָר האָט געדויערט אָט דאָס שווערע דריקענדע שווייגן! נאָר איידער עס איז אָנגעשטאַנען אָט די ביטערע פינסטערע צייט, האָט מענדעלי, צווישן דעם „פּרק שירה" און די „ניצליכע קאַלענדאַרן" — באַוויזן אָנצושרייבן איינס פון זיינע שענסטע און פאַרענדיגטסטע ווערק — „קיצור מסעות בנימן השלישי". (אָפּגעדרוקט אין ווילנע, 1878).

מיט דעם דאָזיגן בוך האָט מענדעלי געמאַכט אַ גרויסן שריט פון זיין פּובליציסטיש-קינסטלערישן צו זיין ריין קינסטלערישן שאַפן. אין „מסעות בנימין השלישי" איז דאָ ווייניגער ז י י ט י ג ע זאַכן און מער קאָנצענטרירטקייט, ווייניגער שטיקלאַך און ברעקלאַך און מער גאַנצקייט, פאַרענדיגטקייט, ווי אין זיינע פריערדיגע ווערק, וועלכע זיינען אָפט ווי אַ מעשה איבער אַ מעשה און אַ מעשה אין אַ מעשה. דער טאָן איז אין „מסעות" מער אַ הומאָריסטישער, ווי אַ סאַטירישער, און אָט דער איבערגאַנג פון סאַטירע צו הומאָר איז געווען אויך אַ צייכן פון רייפערער קינסטלערישקייט, און די גאַנצע זאַך געהערט צו די שענסטע און אָריגינעלסטע ווערק מענדעלים.

דער פּוילישער שריפטשטעלער קלעמענס יונאָשאַ האָט זיך אַזוי פאַראינטערעסירט מיט אָט דער אָריגינעלער פּאַראָדיע אויף סערוואַנטעסעס דאָן קיכאָט, און אויפ'ן פאַרצייטיגן אידישן לעבן, אַז ער האָט זיך ספּעציעל געלערנט אידיש, כדי צו קענען איבערזעצן „קצור מסעות בנימין השלישי" אויף פּויליש.*) (1885). דער זעלביגער יונאָשאַ האָט אויך „די קליאַטשע" שפּעטער איבערגעזעצט אויף פּויליש,**) און נאָכדעם ווי די איבערזעצונג איז פאַרעפענטליכט געוואָרן, איז מענדעלי איינגעלאַדן געוואָרן קיין וואַרשע, וואו אַ גרופּע פּוילישע שריפטשטעלער האָט געמאַכט פאַר אים אַ שיינעם קבלת פּנים. אָבער דאָס איז געווען דאַן, ווען מענדעלי האָט שוין געוואוינט אין אָדעס.

---

*) פון פּויליש איז עס שפּעטער איבערגעזעצט געוואָרן אויף רוסיש און אויף טשעכיש.

**) „די קליאַטשע" איז איבערגעזעצט געוואָרן אויך אויף דייטש און אויף ענגליש.

.7

אין אדעס.

פאַרוואַלטונג פון תלמוד תורה. — אומקער צו ליטעראַרישן שאַפן. — „דער פּריזיוו". — יובילוי פון 25־יאָריגער ליטעראַרישער טעטיגקייט. — באַאַרבעטונג פון „פישקע דער קרומער". — „דאָס ווינטשפינגערל". — אומקער צו העברעאיש. — אָדעסער ליטעראַרישן קרייז. — מענדעלי׳ס געשפּרעכן. — שלמת ר׳ חיים׳ס. — אין דער שווייץ. — צוריק אין אדעס. — „רייזע איבער׳ן תחום". — 75־יאָריגן יובילוי. — געזאַמלטע שריפטן. — מאַטעריעלע לאַגע. — קראַנקהייט. — פטירה.

אין יאָר 1881 ווערט אבראַמאָוויטש איינגעלאַדן קיין אָדעס צו זיין דאָרט דער פאַרוואַלטער פון אַ רעפאָרמירטער „תלמוד תורה". די תלמוד תורה האָט זיך געפונען אַן אין אַן אַלטער, קליינער און אָפּגעלאָזענער דירה. אבראַמאָוויטש׳עס אויפגאַבע איז געווען צו רעאָרגאַניזירן די גאַנצע אינסטיטוציע, איבערקלייבן זיך אין אַ פּאַסיגער געביידע, פאַרגרעסערן די צאָל פון די תלמידים און אויסבעסערן דעם גאַנצן סדר פון די למודים. ער האָט זיך גענומען פאַר דער אַרבעט מיט גרויס ענערגיע, און זיין ציל איז אין אַ געוויסער מאָס דערגרייכט געוואָרן. די שול איז אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַ גרויסן און שיינעם בנין אויף דיעכטיאַרנע (איצט מענדעלי) גאַס, און אבראַמאָוויטש׳עס מאַטעריעלע לאַגע איז אויך בעסער געוואָרן. אָבער ער האָט געמוזט אָפּגעבן דער אַרבעט אין שול די בעסטע צייט זיינע און כמעט אַלע כחות. אויף אים איז געלעגן אי די פּעדאַגאָגישע, אי די ריין אַדמיניסטראַטיווע פאַרוואַלטונג פון דער תלמוד־תורה. ער האָט געדאַרפט אכטונג געבן אויף די לערער און אויך אַליין לערנען מיט קינדער. ער האָט געדאַרפט האָבן צו טאָן מיט די עלטערן פון די תלמידים און אויסשטיין אַלערליי שגעונות און קאַפּריזן פון די גבאים. ער האָט געדאַרפט אויך זאָרגן פאַר דער פינאַנציעלער זייט פון דער אַנשטאַלט, פירן אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט פאַרשיידענע אינסטיטוציעס און פּערזאָנען, און בכלל זען, אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג. דאָס האָט ביי אים אָפּגענומען אַן אַ שיעור צייט און ענערגיע. „עס איז ניט קיין גוזמא" — שרייבט ער אין אַ בריוו צו בינשטאָק׳ן אין יאָר 1887 — „ווען איך וועל אייך זאָגן: די אַרבעט פאַרשלינגט מיין גאַנצע צייט, ניט איבערלאָזנדיק מיר אפילו איין פרייע מינוט אויף צו באַשעפטיגן זיך מיט עפּעס אַנדערש אַ חוץ מיין פאַרשאָלטענער שטעל. איך בין אויף דער עלטער געוואָרן אַ מין „קליאַטשע". פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט צי איך די ליאַמקע, זיפצנדיג וועגן דער פאַרלאָרן געגאַנגענער פרייהייט, און וועגן די

אידעאלן, פון וועלכע איך האב געטרוימט. זיין א קליאטשע מיט א פולנדיגער נשמה און מיט א מענטשליכער נאטור — אך, דאס איז א גיהנם'שער פיין. הונדערט מאל גליקליכער איז דער, וואס פארמאגט ביי א מענטשליכן אויסזען די נאטור פון א קליאטשע".*)

אין די ערשטע עטליכע יאר פון זיין לעבן אין אדעס איז ער, אחוץ זיין פארהאוועט־זיין אין דער תלמוד תורה, געווען נאך אונטער דעם איינדרוק פון יענע „אומשטענדן", וועלכע האבן אנגעהויבן צו פארביטערן אים דעם לעבן אין יאר 1877 אין זשיטאמיר און וועלכע זיינען נאך ביז איצט נים אינגאנצן אויפגעקלערט געווארן. „מיין ווייב נעבאך איז שטארק באטריבט", — שרייבט ער אין א בריוו (אויף אידיש) צו בינשטאק'ן אין דעצעמבער, 1881. — „לפנים האלט זי זיך שטארק ווי א העלד, נאר אין הארץ טראגט זי א וואונד, א ים מיט יסורים. מיר צווישן זיך ריידן זייער ווייניג וועגן דעם שלאק, וואס האט אונז געטראפן. מיר האבן מורא איינער דעם אנדערן נישט מצער צו זיין. מיר מאכן זיך קלאמפערשט הארץ און נארן איינער דעם אנדערן. איך פיל ביי מיר אין הארץ א ריס, וואס ער וועט אייביג זיך נישט פארהיילן."**)

צו די פערזענליכע צרות זיינען אין אנהויב פון די 80־ער יארן צוגעקומען די צרות הכלל — די פאגראמען. אבער זיי האבן אין מענדעלי'ס הארצן ניט געמאכט אזא איבערקערעניש, ווי אין די הערצער און די געדאנקען פון אנדערע פארשטייער פון דעם השכלה־דור. ער איז פריער ניט געווען אזוי פאר־קאכט און אזוי איינגעגלויבט אין דעם „פראגרעס" פון דעם רוסישן ליבעראליזם, ווי אנדערע משכילים, און דערפאר האט ער זיך ניט געפילט אזוי שטארק אפגענארט. ער האט פון דער יוגנט אן געקענט די מענטשליכע נאטור, ווי אויך די טבע פון אידן, און ער איז ניט שטארק נתפעל געווארן פריער פון דעם רוף: „בילדונג!" און איצט פון די ניי־געבארענע חובבי ציון, וועלכע האבן געשריען: „השיבנו נאזאד". „דער איד", — האט ער גע־שריבען צו בינשטאק'ן אין אפריל, 1882, — „איז פון שטענדיג אן געוועזן, ער איז און — וויי! — וועט זיין א שטילע מעלק־קו אדער פשוט א „קליאטשע" אויף צו שלעפן משא. צי ער וועט אוועק קיין אמעריקע, צי קיין פאלעסטינע, — אבער א „קליאטשע" וועט ער פארט בלייבן".***) ער האט געקוקט אויף די אידישע ליידן פון א ברייטן ת י ס ט א ר י ש ן שטאנדפונקט. „צרות, — האט ער געשריבן אין זיין פארעדע צום „פריזיוו"

---

*) צוקונפט, ז. 66, 1923.

**) דארט, ז. 68.

***) דארט

אין יאָר 1884, — צרות אַלערליי האָבן זיי געהאַט מיט עטליכע טויזנט יאָר צוריק, צרות אַזעלכע האָבן זיי אַצינד, און ווען די אַלע צרות וועלן האָבן אַן עק, ווייס נאָר איין גאָט וואויל"... ער האָט ניט געהאַט דעם יאוש און אויך ניט די אילוזיעס פון די דאַמאָלסטיגע אידישע פאַרזאָרגער, ער האָט זיך געפילט איזאָלירט געזעלשאַפטליך, — און אויך דאָס האָט גורם געווען, אַז ער זאָל זיך נישט איילן נעמען זיך צוריק פאַר דער פען, וועלכע ער האָט אַוועקגעלייגט נאָך „קצור מסיעות בנימין השלישי". „ריידן נישט דאָס, וואָס איך האַלט פאַר ריכטיג, האָט ער געשריבן (אויף רוסיש) צו זיין — שוין פיל מאָל דערמאָנטן — פריינד בינשטאָק, קאָן איך ניט; אַרויסזאָגן אָבער דעם גאַנצן אמת, דאָס באַדייט — אויפהויבן קעגן זיך די גאַנצע ווילדע חברה שרייער, וואָס זיינען גרייט באַשיטן אייך מיט אַלערליי באַשולדיגונגען. זיי וועלן אייך אַרויסשטעלן פאַר א בוגד, פאַר אַ שונא ישראל א. אז. וו. אָבער אָט דאָס שטילשווייגן קאָסט מיר פיין, עס נאָגט און עסט מיין אויסגעווייטאָגט האַרץ פונקט ווי אַ וואָרעם. אָט די גיהנמ'שע פיין ווירקט צעשטערנדיג אויף מיין אויסזען און אויף מיין גאַנצן אָרגאַניזם. איך בין די לעצטע צייט שרעקליך מאָגער און אַלט געוואָרן, איר וואָלט מיך נישט דערקענט." *)

עס האָט אים אָנגעהויבן ציען צוריק צום ליטעראַרישן שאַפן. און אין יאָר 1884 איז ער, נאָך זעקס יאָר שווייגן, ווידער אַרויס מיט אַ ווערק — „דער פריזיוו", אַ דראַמע אין פינף אַקטן (פעטערבורג, 1884). „עס האָט אין מיר זיך געעפנט, האָט ער געשריבן אין דער ווידמונג „מיין טייערער משה" — אַ פרישער קוואַל הייסע געפילן און מיך עפּעס אַ ברען געטאָן אויסצוגיסן זיי אין ווערטער פריי פאַר דער גאַנצער וועלט. דאָס איז יענער ברען, וואָס וועקט אין וועמענ אויף דאָס באַטריבטע, פאַרוואָגלטע זומער־פליגעלע ערגיץ אין דער פרעמד, צוריקצוקערן זיך ווידער אַ ה י י ם צו זיין נעסט און צו זיין פריערדיג שטייגער לעבן"...

ער האָט געלעבט איצט אין אַ נייער סביבה, און אויך די צייט איז געווען אַן אַנדערע, די פאָגראָמען האָבן אינגאַנצן געענדערט די שטימונגען און דעם געדאַנקענגאַנג פון דער אידישער אינטעליגענץ. אָבער ער נעמט זיך נאָך דערווייל ניט פאַר קיין נייע טעמעס, ער קערט זיך אום צוריק צו זיינע אַלטע פאַרשוינען. (מיין מוזע, שרייבט ער בינשטאָק'ן, געפינט זיך נישט אין אָדעס, נאָר דאָרטן, אויף די ברעגעס פון גנילאָפּיאַטיווקע (בערדיטשעוו) און טעטערעוו (זשיטאָמיר). אָבער כאָטש ער שרייבט וועגן „יענעם ווינקל פונ'ם אידישן לעבן, וואו עס געפינען זיך זיינע אַלטע באַקאַנטע פאַר־

---

*) דאָרט.

שוינען“, שרייבט ער שוין ניט, ווי פריער. עס איז שוין יעצט ביי אים נאָך „בנימין השלישי“, און ער איז שוין מער קינסטלער, ווי פובליציסט, און מער הומאָריסט, ווי סאַטיריקער. א ל ע ק ס א נ ד ע ר ווי אַלע אינטעליגענטן פון נייעם דור ביי מענדעלי'ן, איז קינסטלעריש בלאַס, און די גאַנצע דראַמע איז שוואַך געבויט, אָבער די פאָלקסמענטשן עטעמען מיט לעבן, און אין דעם גאַנצן אופן שרייבן פילט זיך, אַז מענדעלי איז שוין אַריין אין דעם צווייטן, ק י נ ס ט ל ע ר י ש ן פעריאָד פון זיין שאַפן.

„דער פריזיוו“ איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון מענדעלי'ס פריינד צו דעם 25־יעריגן יוביליי פון זיין ליטעראַרישן שאַפן (זיין ערשט בוך „משפט שלום“ איז אַרויס אין יאָר 1860). דער יוביליי איז געפייערט געוואָרן פון אַ טייל פון דער אידישער אינטעליגענץ אין אָדעס און פון דער אידיש־רוסישער פרעסע. (אין „וואָסכאָד“ איז דאַן אָפּגעדרוקט געוואָרן די ערשטע ביאָגראַפישע סקיצע פון מענדעלי'ס לעבן — ל. בינשטאָק'ס אַרטיקל „פראַזדניק יעווריסקאָי ליטעראַטורי“). צווישן די באַגריסונגען איז געווען אויך איינע אַ שריפטליכע באַגריסונג פון פראָפ. בעזסאָנאָוו, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד פון דער רעגירונגס־קאָמיסיע וועגן דער אידישער פראַגע און אַ פאַרערער פון מענדעלי'ס געזעלשאַפטליכער און ליטעראַרישער טעטיגקייט. אין זיין ענטפער אויף דער באַגריסונג האָט מענדעלי אויף אַן איידעלן אופן געשטראָפט דעם רוסישן ליבעראַל, פאַרוואָס ער טרעט ניט אַרויס אָפן מיט זיינע גוטע מיינונגען וועגן אידן. „איך וואָלט, שרייבט ער, אָפן אין געדרוקטן וואָרט אויסגעזאָגט מיינע געפילן, ניט קוקנדיג אויף גאָרנישט, און וואָלט גערופן צו מענטשליכקייט און יושר א. אַז. וו.“*)

עס האָט אין אים געבוירנט אַ פאַרלאַנג „אויסצוגיסן זיינע געפילן“, און ער האָט זיך ווידער גענומען משתדל זיין אין פעטערבורג מכח אַ דער־לויבניש אויף אַ אידישער צייטונג, נאָר פון דער השתדלות איז ווידער גאָרנישט ניט געוואָרן.

מענדעלי איז ניט געוואָרן קיין זשורנאַליסט. דערפאַר אָבער האָט ער, זינט נאָך זיין 25־יאָריגן יוביליי, אַריינגעטאָן זיך מיט לייב און לעבן אין זיין קינסטלערישן שאַפן, און נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט געהאַט זייער ווינציג פרייע צייט, האָט ער אין די יאָרן זייער פיל אויפגעטאָן אויפ'ן ליטעראַרישן געביט. ער האָט אינגאַנצן איבערגעאַרבעט, כמעט פון ס'ניי אָנגעשריבן, „פישקע דער קרומער“ (פאַרעפנטליכט אין יאָר 1888), אַרויסגעגעבן אַ נייע פאַרבעסערטע אויסגאַבע פון דער „קליאַטשע“ (1888) און געאַרבעט אויפ'ן

---

*) די עראינערונג פון זיינע טעכטער, „טאָג“ פון 9טן דעצ. 1927.

„ווינטשפינגערל“, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין שלום עליכם׳ס „אידישע פאָלקס־ביבליאָטעק“ און וועלכן ער האָט אַליין מיט רעכט געהאַלטן פאַר זיין וויכטיגסטן ווערק. (ריבנאָוו האָט פאַרגליכן דעם „ווינטשפינגערל“ מיט גאָגאָל׳ס „מיאָרטוויא דושי“).

אחוץ דעם, האָט מענדעלי דאָן, אין מיטן די אַכטציגער יאָרן, זיך אומגעקערט צוריק צו העברעאיש. אים איז שוין אָבער איצט פרעמד געווען דער מליצה׳דיגער נוסח פון דעם לשון קודש, אויף וועלכן ער האָט אַליין געשריבען זיין „האבות והבנים“. ער האָט גענומען ביסלאַכווייז שאַפן אַ נייעם העברעאישן סטיל, אַזאַ, וואָס נעמט אין זיך אריין אַלע אוצרות פון די שפּעטערדיגע עפּאָכעס אין דער געשיכטע פון דער העברעאישער ליטעראַטור, נישט נאָר דעם תנ״ך, אַזאַ, וואָס פאַראייניגט אין זיך שפּילעוודיגקייט מיט פּינקטליכקייט, אָנצוהערענישן אויף אַלטע טראַדיציעס מיט טרייקייט צום איצטיגן לעבן, אַזאַ, וואָס וויל זיין אַזוי נאָענט צום היינט, ווי אידיש, און וואָס איז אין אַ סך פּרטים אָנגעזאַפּט מיט׳ן גייסט און גוסט פון אידיש.

אויף אָט דעם נייעם אָדער, ריכטיגער, באַנייטן העברעאיש האָט מענדעלי אָנגעהויבן שרייבען דערציילונגען פון דעם אידישן לעבן נאָך די פּאָגראָמען פון די אַכציגער יאָרן. שפּעטער האָט ער אויך די ווערק זיינע, וועלכע זיינען געשריבן געוואָרן לכתחילה אויף אידיש, גענומען איבערזעצן אויף אָט דעם נייעם העברעאיש, פּונקט אַזוי ווי ער האָט די עטליכע העברעאישע דערציילונגען, וואָס ער האָט דאָן אָנגעשריבן, איבערגעזעצט (אָדער לכתחילה געשריבן) אויף אידיש...

דאָס שרייבן איז געווען זיין טיפּסטער פאַרגעניגן, און ער פלעגט־צו מיט דורשט צו אָט דעם קוואַל פון גייסטיגער באַפרידיגונג. „איך האָב די לעצטע צייט געאַרבעט ווי אַן אָקס, שרייבט ער אין אַ בריוו צו בינשטאָק׳ן אין יאָר 1888, און כ׳האָב זייער פיל געשריבן. איך בין איצט אינגאַנצן אַוועק אין דער וועלט פון פּאָעזיע. דאָרטן איז מיין טרייסט, דאָרטן רו איך אָפּ פון דער לעבנסזאָרג. די מוזע איז צו מיר וואוילגענייגט, און איך שרייב און שרייב מיט אַ ברען, ווי אין די יונגע יאָרן“.*)

ביסלאַכווייז האָט זיך אַרום אים גענומען שאַפן אַ קרייז פון פריינד, חברים, תלמידים, און זיין הויז איז געוואָרן אַ בית ועד לחכמים, אַ מין ליטעראַרישער צענטער.**) בן עמי און י. ח. ראַבניצקי, מנשה

---

*) „די צוקונפט“, ז. 67, 1928.

**) ער האָט אָבער אויך געהאַט געגנער און פיינט אין אָדעס, ווי, צום ביישפּיל, יצחק יואל ליניעצקי אין דער ליטעראַרישער וועלט און געוויסער סאָרט העברעאיסטן, ווי, אַ שטייגער, מנחם מענדל אוסישקין און זיינגלייכן, וועלכע

מרגליות און ש. דובנאָוו, ש. פרוג און שלום עליכם
(ווען ער איז געווען אין אָדעס), שפּעטער ח. נ. ביאַ־
ליק און אַ סך פון די אינגערע שריפטשטעלער
— זיינען געווען אין דעם קרייז. מען פלעגט
זיך צונויפקלייבן ביי אים שבת צו נאַכט, און ער
פלעגט פאָרלייענען, וואָס ער האָט געשריבן אין יענער
צייט, אָדער צו זיין פאָרמעלען געבורטסטאָג, ווען ער
פלעגט דערציילן פון זיינע יונגע יאָרן. מען פלעגט
ריידן וועגן ליטעראַטור און וועגן אַלץ אין דער וועלט.
צו קיין שום פּאַרטיי האָט מענדעלי נישט געהערט,
און מיט קיינעם פון זיינע פריינד איז ער אין אַ סך
וויכטיגע פראַגן ניט געווען איינשטימיג, אָבער זייער
אַכטונג און ליבע צו אים האָט זיך געהאַלטן אויף
ד ע נ ק ע ן, ניט אויף פאַרטיגע געדאַנקען, אויף
אָריגינעלע איינפאַלן, שאַרפע ווערטלאַך און בילדער,
וועלכע זיינען געווען פול אין זיינע געשפּרעכן, ניט
אויף אַ באַשטימטער „פּראָגראַם”. „אויב צווישן
אונז איז געווען אַ מענטש, דערציילט ש. דובנאָוו,
וואָס איז געשטאַנען אויסער וואָסער עס איז פּאַרטיי
אָדער פּראָגראַם — איז עס געווען מענדעלי. — —
— לויט זיין נאַטור האָט ער נישט געקאָנט זיין קיין
אָנהענגער פון אַ באַשטימטער אידייאָישער ריכטונג
אין געזעלשאַפטלאַכע פראַגן. ער האָט נישט געקאָנט
אָנערקענען וואָסער ס׳איז פּראָגראַם פאַר נויטווענדיג
אָדער וואָסער ס׳איז פּרינציפּנסיסטעם פאַר אַ דורכ־
אויס באַשטימטער זאַך. אין סאָציאַלער און פּאָלי־
טישער הינזיכט איז ער, לויט זיין נאַטור, געווען אַ
„ווילדער”. ער האָט געהאַט דאָ שטימונגען, סימפּאַ־
טיעס און אַנטיפּאַטיעס, אָבער נישט קיין פעסטע
פּרינציפּען, און די שטימונגען האָבן זיך ביי אים אָפט
געביטן אין שייכות מיט זיינע פּערזענליכע, סוביעק־
טיווע איינדריקן, למשל, פון זיין באַציאונג צו דער
אָדער יענער פּערזאָן”.*) די, וואָס פלעגן קומען צו
אים פאַרברענגען, פלעגן קומען צוליב אים אַליין, צו־
ליב זיין פּערזענלאַכקייט, צוליב דער לעבעדיגער אָרי־
גינאַליטעט פון זיין ריידן און האַלטן זיך, ניט צוליב
זיינע מיינונגען. מען האָט געוואָלט הערן ניט אַזוי,
וואָס ער ז אָ ג ט, ווי וואָס ע ר זאָגט און ו ו י
ער זאָגט עס. ער „האָט ליב געהאַט”, דערציילט ש.
דובנאָוו, „צו ריידן, נאָר ווי לאַנג ער האָט נישט גע־
רעדט, האָט דער צוהערער נישט באַמערקט די צייט:
אַזוי שיין און טיף, כאָטש אָפט פּאַראַדאָקסאַל, זיי־
נען געווען די געדאַנקען, די ווערטער. אַלץ איז גע־
ווען אייגנס, נישט פרעמדס, נישט גענאַשט פון בי־
כער. טאַקע אָט דעם בשעת דעם שמועס געשאַפן

האָבן שפּעטער אפילו געהאַט דעם טרויעריגן מוט ניט צו
דערלאָזן, אַז מענדעלי מוכר ספרים זאָל ווערן אַן עהרנמיט־
גליד פון דער אָדעסער גרופּע „חובבי שפת עבר”! (זע
„שלום עליכם בוך” ז. 252).

*) „ליט. בלעטער” נומ. 45, 1927.

מיט קנייטשן דעם שטערן, א דריי מיט'ן פינגער, עפּעס ווי אין א הארבער סוגיא אין דער גמרא.*)

ער איז, אזוי ווי פּרץ, געווען א גלענצענדער אימפּראָוויזאַטאָר. א חוץ דעם איז פון קינדווייז אָן אין אים געווען וואך די פייאינקייט צו ש פּ י ל ן ר אָ ל י ע ס און צו מאכן אָנשטעלן — די ריין אַקטיאָרישע פייאינקייט. ער דערציילט אליין וועגן דעם אין „שלמה ר' חיים'ס" און אויך אנדערע דערציילן עס. אזוי, צום ביישפּיל, לייענען מיר ביי ז. שניאור, אז „דער זיידע פלעגט מערקווירדיג קאָפּירן אלע חיה'ס און עופות און אינסעקטן"**) און דוד איינהאָרן, וועלכער איז א געוויסע צייט, אין ווילנע, געווען ביי אים אזוי ווי א מין סעקרעטאַר, דערציילט, אז ער פלעגט אָפּשטיין (איבערזעצנדיג א געוויסן ווערק פון העברעאיש אויף אידיש) „פיר שעה נאָכאנאנד — וויינען, לאַכן, בייזערן זיך, קריגן זיך, ריידן ווי א סוחר, ווי אַן אלטע אידענע, ווי א רב, ווי א משכיל, נאָכמאַכנדיג יעדן באַזונדער.***) אזוי ש פּ י ל ן פלעגט ער אָפּט אויך בעת די געוואוינטלאַכע שמועסן, — און דאָס האָט נאָך פארגרעסערט דעם אינטערעס צו אים מצד אלע די, וואָס האָבן זוכה געווען זיך צו טרעפן מיט אים.

זיינע געשפּרעכן זיינען, א חוץ אלעמען, געווען פול מיט לעבנס קלוגשאַפט, וויץ, שאַרפזין, באַדאַכטקייט, און ניט איינער פון די, וואָס האָבן אים נאָענט געקאָנט, האָט געזאָגט, אז „מענדעלי שבעל פה", ווי בן עמי האָט זיך אויסגעדריקט,****) איז פּונקט אזוי וויכטיג, ווי מענדעלי שבכתב. בן עמי, שלום עליכם, דר. קלויזנער,*****) י. ה. ראַבניצקי, ז. שניאור, י. ד. בערקאָוויטש און אנדערע האָבן פאַרשריבן א טייל פון זיינע געשפּרעכן. שניאור האָט געשריבן: „א שאָד, וואָס אלע זיינע נאָענטע איילן זיך ניט צו פאַרצייכענען יעדן געדאנק, יעדן אַפאָריזם, וואָס געהערט פונ'ם זיידן אליין, פון אנדערע, וואָס האָבן געלעבט מיט אים צוזאַמען אָדער אין זיין סביבה. דאָס איז ביז אהער געטאָן געוואָרן נאָר אויפ'ן שפּיץ־מעסער. וואָלטן זיך אלע זיינע מקורבים דערצו גענומען, וואָלטן מיר אפשר אין גיכן געהאט נאָך שיינע עטלאַכע געקליבענע בענד, א צוגאָב צו מענדעלי'ס שריפטן; ניט ווייניגער אינטערעסאַנטע, ווי די, וועלכע דער זיידע האָט מיט זיין אייגענער פעדער געשאַפן"******)

מענדעלי איז אין אָדעם געוואָרן א צענטראַלע פי־

---

*) דאָרט, נומ. 44.

**) „פון זיידנס קוואַל", ז. 41.

***) זע די זאַמלונג, וואָס עס האָט ארויסגעגעבן „דער פריינד" צו מענדעלי יובילוי, ז. 50.

****) „פנקס", ווילנע, 1913.

*****) „השלח", חוברת מענדלי, 1918.

******) ז. שניאור: „פון דעם זיידנ'ס קוואַל". בלל פאַרלאַג, בערלין, 122, ז. 8-9.

גור. און נישט נאָר אין אָדעס אליין. זינד שלום עליכם האָט אים אָנגערופן „זיידע", איז ער באמת געוואָרן דער זיידע פון דער אידישער ליטעראַטור.

„דער אַלטער, וואָס מיט זיין אַקסל איז ער געווען העכער פון אונז אַלעמען, זיינע אויגן האָבן געפינקלט און געלויכטן מיט אַ באַזונדער רואיגקייט און זעלבסטווירדע" (פּרץ), איז געווען אַזוי ווי אַ קוואַל, וואָס ברעננט־אַרויס אויף דער ליכטיגער שיין די לעבעדיגע זאַפט פון אונטן, פון די טונקעלע טיפעניש, פון אַמאָל. ער איז געווען אַזוי ווי די בריק, וואָס פאַראייניגט דעם עבר מיט'ן היינט, די אוצרות פון דער מסורה מיט דעם לעבעדיגן פאָלקס־פאַרמעגן...

אין די ניינציגער יאָרן האָט ער געפּרובט נעמען־טעמעס פון אַרום אים, פון דער נייער צייט. עס איז אין אים דאַן פאַרגעקומען יענע אינווייניגסטע ראַנגלעניש, וואָס ער האָט אויף זיין אייגענעם שטייגער באַשריבן אין דעם אַריינפיר צו „שלמה ר' חיים'ס": „אין דער צייט, וואָס איינע פון די דעה'ס צוט זי (זיין פען) אַהין צו באַשרייבן אַלטע זאַכן וואָס פריער, איז די וואָס אַקעגן האַלט זי אָפּ ציענדיג זי אַהער צו באַשרייבן וואָס אין אונזער צייט גייט־פאָר". צום סוף האָט גובר געווען די ערשטע דעה, און אין יאָר 1899 האָט ער אין „יוד" ווידער אָנגעהויבן דרוקן בילדער פון פאַרצייטן — דאָס איז געווען זיין „שלמה ר' חיים'ס" — אָט דאָס לעצטע ווערק זיינס, וואָס ווען עס וואָלט פאַרענדיגט געוואָרן, וואָלט עס געווען נישט נאָר מענדעלי'ס אויטאָביאָגראַפיע, נאָר די לעבנס־געשיכטע פון עטליכע דורות, פון אַ גאַנצער קולטור. אָבער ער האָט, צום באַדויערן, באַוויזן אָנצושרייבן נאָר דעם ערשטן טייל פון אָט דעם רייפסטן ווערק זיינעם...

ער איז אַלעמאָל געווען פּאַמעלעכדיג אין זיין שרייבן, וואָרום ער פלעגט שלייפן און פּיילן יעדן וואָרט, אָבער גאָר באַזונדערס אָפּגעהיט איז ער געווען און האָט זיך נישט געאיילט אין דעם לעצטן פעריאָד פון זיין לעבן.

„ער פלעגט זיך פאַרשפּאַרן בחדרי חדרים, (דערציילט ש. דובנאָוו) אָנגעבויגן אויפ'ן בויגן פּאַפּיר מיט דער פעדער אין האַנט און שעה'ן לאַנג געטראַכט, ביז ער פלעגט אָנשרייבן אַ שורה. אָט זיצט ער, צוגעטראָגן די האַנטשריפט צו זיינע קורצזיכטיגע אויגן און קוקט איבער דאָס געשריבענע, האַלטנדיג די פעדער נאָענט, כדי אָן רחמנות אַרויסצוּוואַרפן יעדן ניט פּאַסנדיגן אויסדרוק און אַריינשטעלן אַן אַנדערן".*) דערצו האָט ער נאָך דאַן

---

*) „טאָג" פון 6־טן סעפּטעמבער, 1925.

געאַרבעט אויך אויפ'ן סוף פון „ווינטשפינגערל" און אויף דער נייער רעדאַקציע (אָדער דער איבער־זעצונג) פון זיינע פריערדיגע ווערק. דערפאַר איז „שלמה ר' חיים'ס" געוואַקסן זייער פּאַמעלאַך.

קיין סך פרייע צייט, דאַרף מען געדיינקען, האָט ער נישט געהאַט. זיין אַרבעט אין תּלמוד תורה פלעגט אָפּט איינשלינגען ביי אים די גאַנצע ענערגיע. „איך בין איצט שרעקליך פאַרנומען אויף מיין שטעלע", האָט ער געשריבן אין אַ בריוו צו דובנאָוו אין יאָר 1892. מיינע אַמט־ענינים רויבן ביי מיר צו די גאַנצע צייט און גיבן מיר נישט קיין איין פרייע מינוט איך זאָל זיך קאָנען קאָנ־צענטרירן און טראַכטן וועגן אַ ליטעראַרישן ענין".*) און אין יאָר 1903 שרייבט ער ווידער: „דעם פאָריגן זומער האָב איך קיין רו נישט געהאַט, גאַנצע טעג בין איך געווען טרוד מיט דעם רעמאָנט פון דער תּלמוד תורה און מיט דעם אַכטונג געבן אויף די אַרבעטער".**)

דערהויפּט האָבן זיך שלעכט אָפּגערופן אויף מענדעלי און זיין אַרבעט די פּאָגראָמען פון 1903 און סוף 1905. דער קישענעווער פּאָגראָם האָט אים „זייער שטאַרק דערדריקט". „איך בין שטענדיג פאַרצאָרנט, האָט ער געשריבן דאַן אין אַ בריוו צו דובנאָוו'ן, מיין געמיט איז אויפגערעגט און אָפּטמאָל וויין איך אין דערשטיל אויפ'ן בראָך פון מיין פאָלק". בעת דעם אָדעסער פּאָגראָם אין 1905 איז ער אַליין שיר ניט געוואָרן קיין קרבן פון די בעסטיעס.

צוליב די שוידערליכע געשעענישן פון נאָך אָקטאָבער 1905 איז צונישט געוואָרן דער פּלאַן פון מענדעלי'ס פריינד אַרויסצוגעבן צו זיין זיבע־ציגסטן געבורטס־טאָג אַלע זיינע ווערק אויף אידיש און העברעאיש.

ער האָט דאַן אויף אַ צייט — צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן — פאַרלאָזן אינאיינעם מיט זיין פאַמיליע רוסלאַנד. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אויף עטלאַכע חדשים און באַזעצט זיך אין דער שווייץ, אין גענף, וואו ער האָט פאַר־בראַכט אַ פּאָר יאָר צייט.

די רואיגקייט און די שיינקייט פון דער שווייצאַרישער נאַטור האָבן אויף אים גוט געווירקט, און ער האָט זיך באַלד צוריק געקאָנט נעמען פאַר זיין ליטעראַרישער אַרבעט. פון צייט צו צייט פלעגן אים קומען געוואָרע ווערן זיינע אַלטע פריינד בן עמי און שלום עליכם, וועלכע האָבן געוואוינט דאַן אין אָדער אַרום גענף, אויך ביאַליק און אַנדערע שרייבער. מען פלעגט צוזאַמען פאָרן אויף שיפלאַך, קלעטערן אויף די בערג. פון די אידישע סטודענ־

---

*) זע „ליט. בלעטער" נומ. 50, 1927.
**) דאָרט.

טישע קאָלאָניעס אין דער שווייץ פלעגט מען קומען אים איינלאַדן אויף ליטעראַרישע אָוונטן. איינינע איינלאַדונגען האָט ער אָנגענומען און ער האָט באַזוכט אויף אַזאַ אופן בערן, לאָזאַן, צוריך און אַנדערע שווייצאַרישע שטעט, וואו די אידישע שטודירנדיגע יוגנט האָט אים אויפגענומען ענטוזיאַסטיש. פון אַמעריקע האָט מען אים דאַן געמאַכט אַ פאָרשלאַג צו מאַכן אַ רייזע אין דער „גילדערנער מדינה". מען האָט אים צוגעזאָגט „גילדענע בערג". אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפון. „וואָס קער איך אָן מיט די גבירים, מיט די דאָלאַרן? זאָל ער האָבן געזאָגט. „איך דאַרף זיך אומקערן קיין רוסלאַנד, אַהיים, צו מיינע קבצנים".*)

און אין פעברואַר 1908 האָט ער זיך אומגעקערט צוריק קיין אָדעס און ווידער פאַרנומען זיין שטעלע אין תלמוד תורה.

דערווייל האָט מען זיך געגרייט צו דער פייערונג פון זיין פינף און זיבעציג־יאָריגן יובילײ.

אַ גרופּע אידישע פאַרלעגער האָט אָפּגעקויפט ביי'ן זיידן אַלע זיינע ווערק, און אין יאָר 1910 איז, אין פאַרלאַג „מענדעלי", אַרויס צום ערשטן מאָל אַ כמעט פולע, כאָטש זייער נישט קיין געראָטענע, אויסגאַבע פון מענדעלי'ס געזאַמעלטע שריפטן אין 17 בענד (שפּעטער זיינען אַרויס נאָך דריי בענד), צווישן וועלכע עס איז געווען איין באַנד אַרטיקלען וועגן דעם „זיידן". אַביסל פריער זיינען אַרויס צוויי בענד פון זיינע שריפטן אויף העברעאיש.

די „היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני" אין ניו יאָרק האָט נאָך פריער אָפּגעדרוקט מענדעלי'ס ווערק אין צוועלף בענד און נישט געבעטן אַפילו קיין דערלויבניש אויף דעם. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שאַרפן פּראָטעסט פון די אידישע ליטעראַרישע קרייזן קעגן די אַמעריקאַנער פאַרלעגער. זייער אויפפירונג האָט געמאַכט גאָר אַ באַזונדער מיאוסן איינדרוק נאָך דערפאַר, ווייל עס איז געווען ערב דעם גרויסן יום טוב אין דער אידישער ליטעראַטור — דעם יום טוב פון דעם זיידענ'ס 75־סטן געבורטסטאָג.

איידער דער יום־טוב איז אָפּגעריכט געוואָרן, איז מענדעלי'ן באַשערט געווען צו זעען מיט זיינע אויגן, אַז ס'גרייט זיך אַן אמת'ע, ניט קיין געמאַכטע, פייערונג. ער האָט דאַן (אין 1909) געוואוינט לעבן ווילנע, אין פּאָדבראָדזע, ביי איינער פון זיינע טעכטער, און אַחוץ דעם, וואָס ער האָט אין ווילנע גופא, אין דער שטאָט, וואו ער האָט זיך אַמאָל געוואַלגערט אויף די האַרטע בענק פון ראַמאַילע'ס קלויז, געהאַט אַ גרויסאַרטיגן קבלת פנים, איז געקומען אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע און אים איינגעלאַדן קיין וואַרשע. אין וואַרשע האָט ער שוין אַמאָל געהאַט אַ שטיקל

---

*) זע די עראינערונגען פון זיינע טעכטער אין „טאָג" פון 12־טן דעצ. 1927.

יום טוב. דאָס איז געווען דאָן, ווען עס זיינען ארויס די איבערזעצונגען פון „מסעות בנימין השלישי" („דער אידישער דאָן קיכאָט") און „די קליאַטשע". אָבער דאָן האָבן דעם קבלת פּנים אים געגעבן פּוילישע שרייבער. די אידישע באַפעלקערונג האָט גאָרניט געוואוסט דערפון. איצט האָבן אים די אידן אויפגענומען — און אויפגענומען מיט אַזאַ ברען, מיט אַזאַ חסידישער התלהבות, אויף וועלכער ער האָט זיך גאָרניט געריכט. „אויפ'ן וואַרשעווער וואָקזאַל האָט אים באַגעגנט אַ טויזנט־קעפּיגער עולם... מען האָט דעם זיידען אויף די הענט געטראָגן פון וואַגאָן אין אַ קאַרעטע, מען האָט אים פאַרשאָטן מיט בלומען. ס'האָבן זיך געצויגן אָן אַ סוף באַגריסונגען, באַנקעטן. די יוגנט האָט טאָג און נאַכט געהאַלטן וואַך לעבן האָטעל. נאָך וואַרשע איז אים אויסגעקומען אָנצונעמען איינלאַדונגען קיין לאָדז און ביאַליסטאָק. אומעטום זיינען פאָרגעקומען טריאומף־צוגן, באַגייסטערטע אויסדרוקן פון ליבע און פאַרערונג פון זיין טאַלאַנט."*)

„זיין רייזע (ווי דוד פרישמאַן האָט זי שפּעטער באַשריבן) איז געווען, אין גאַנצן זינן פון'ם דאָזיגן וואָרט, אַ טריאומף־רייזע פון אַ העלד, וועלכער קומט צוריק פון דער מלחמה. דאָס טריאומף־טויער האָט געגרייכט פון ווילנא ביז ביאַליסטאָק, פון ביאַליסטאָק ביז וואַרשא און פון וואַרשא ביז לאָדז. צו אַזאַ נסיעה האָט נישט זוכה געווען נאָך קיין שום שרייבער, און נישט נאָר אַ אידישער. ס'איז געווען די רייזע פון אַ פירשט. טויזנטער מענטשן האָבן געוואַרט ביי יעדער סטאַנציע, טויזנטער מענטשן האָבן זיך געדרענגט און געשטופּט נענטער צו אים און זיינען גליקלאַך געווען, ווען ס'איז זיי געלונגען אַ מינוט אים די האַנט צו דריקן אָדער אויך נאָר אַ קוק צו געבן אים אין פּנים אַריין.

„און איך געדענק: אין לאָדז זיינען געשטאַנען צענטויזנטער מענטשן פאַרזאַמלט אויף דער גאַס און האָבן געוואַרט פאַר'ן האָטעל, וואו אַבראַמאָוויטש האָט געוואוינט. דאַמען זיינען געשטאַנען אין זייערע העלע קליידער מיט בלומען אין די הענט. פון מינוט צו מינוט האָט זיך געהערט דאָס שרייען: „עס לעבע מענדעלי! עס לעבע דער זיידע!" און ווען דער שריפטשטעלער האָט זיך געוויזן אויף אַ מינוט ביים פענסטער אָדער אויפ'ן באַלקאָן, איז דאָס שרייען געווען כמעט אָן אַ סוף. שטונדן לאַנג האָט נישט מענדעלי און נישט זיינע מענטשן, וועלכע זיינען מיט־געווען מיט אים אין'ם האָטעל, געקענט ארויס אויף דער גאַס. ס'איז פּראָסט געווען לעבנסגעפערלאַך. מיר האָבן פאַרשידענע מיטלען געזוכט און מיר האָבן זיך, ווי עס איז, דורכגעשלאָגן און מיר זיינען אַריין אין אַ וואָגן. פּלוצלונג אָבער

---

*) „הײַנט", 12טן דעצ., 1927.

האָבן זיי אים דערקענט — און וואָס איך האָב דענסטמאָל געזען, וועל איך נישט מער אַזוי גיך זען. צוזאַמען מיט אים בין איך געזעסן אינ'ם וואָגן, און טויזנטער מענטשן זיינען געווען אַרום אונז, און זיי האָבן געפּרובט דעם וואָגן צוזאַמען מיט'ן אַלטן אויפצוהויבן. ענדליך האָבן זיי אים געהויבן און אַ שרייען: „עס לעבע מענדעלי! עס לעבע דער זיידע!" האָט זיך צעריסגעריסן פלוצלונג פון טויזנטער קעהלן"...

אין אַ יאָר אַרום, אין 1910, איז מיט גרויס פּאַראַד אָפּגעריכט געוואָרן דער 75־סטער געבורטס־טאָג מענדעלי'ס און דער פופציגיאָריגער יובילעי פון זיין ליטעראַרישן שאַפן. די הויפּטפייערונג איז פאָרגעקומען אין אָדעס, אָבער אַ יום־טוב איז געווען בכל תפוצות ישראל. טויזנטער טעלעגראַמעס און בריוו מיט באַגריסונגען זיינען אָנגעקומען פון אַלע עקן וועלט. פון קיעוו איז געקומען אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע מיט אַ פּייערלאַכן אַדרעס פון די דאָרטיגע אידישע אַרבעטער. דאָס האָט דעם זיידן גאָר באַזונדערס שטאַרק גערירט. ער איז צוגעגאַנגען צו איינעם פון די אַרבעטער דעלעגאַטן און זיך היים צעקושט מיט אים...

די פייערליכקייטן, די ענטוזיאַסטישע באַגריסונגען, ווי אויך די גאַנצע אויפבליאונג פון דער אידישער שפּראַך און ליטעראַטור אין די ערשטע צען יאָר פון צוואַנציגסטן יאָרהונדערט און דערהויפּט נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905, האָבן מענדעלי'ן געוויזן, אַז זיין אַרבעט איז ניט געווען אומזיסט, און אַז „עס וואַקסט אַ דור, פאַר וועמען אידיש איז שוין ניט עפּעס אַ „זשאַרגאָן", נאָר אַן אמת'ע ליטעראַטור־שפּראַך" (ש. דובנאָוו). ער פלעגט שוין איצט אין זיינע געשפּרעכן ניט נוצן אַזוי אָפט רוסיש, ווי פריער, און אַפילו מיט די, וואָס האָבן זיך געווענדט צו אים אויף רוסיש, פלעגט ער ריידן אידיש — „און גערעדט האָט ער, דערציילט דובנאָוו, אַזוי שיין, אין אַזאַ ניט געקינצלטער פאָלקסשפּראַך, אַז מיר פלעגן ביידע פירן דעם ווייטערדיקן שמועס אויף אידיש, פאַרגעסנדיג, אַז 13 יאָר נאָכאַנאַנד האָבן מיר גערעדט נאָר רוסיש." *)

אין 1911 איז ער קראַנק געוואָרן אויף אַז עקזעמע. „שוין אַ יאָר, האָט ער מיר געשריבן אין אַ בריוו (פון 11טן נאָוועמבער, 1912) — אַז גאָט האָט מיך געשטראָפט מיט אַ שטיקל עקזעמע, און איך צוליב און אויך צוליב מיינע באַשעפטיגונגען אין מיין שולע וכדומה טאָר איך ניט און קאָן ניט אָפּגעבן זיך מיט ליטעראַרישע אַרבעט". אָבער אינגיכן האָט ער זיך אויסגעהיילט פון דער דאָזיגער אומאַנגענעמער קראַנקהייט, און ער האָט זיך ווידער גענומען פאַר זיין אַרבעט.

*) „טאָג" פון 6־טן דעצעמבער, 1925.

אין 1915, ווען ער איז אַלט געוואָרן 80 יאָר, האָט מען ווידער געוואָלט מאַכן פאַר אים אַ גרויסן יום־טוב, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפון צוליב דער שווערער און ביטערער מלחמה־צייט, און מען האָט זיך באַנוגנט מיט שטילע באַגריסונגען.

די פייערונגען, די גרויסע טריאומפן און די נייע אויסגאַבע פון זיינע ווערק האָבן, פונדעסטוועגן, נישט מעגליך געמאַכט, אַז ער זאָל זיך קאָנען באַפרייען פון זיין שטעלע אין תלמוד תורה. „ביי מיר איז אַלץ, ווי געווען", שרייבט ער אין 1911 צו ש. דובנאָוו׳ן. „אומזיסט האָבן געשריבן וועגן מיר די שרייבער און מיך פאַרשאָטן מיט באַגריסונגען און אָנגערעדט ניין מאָס רייד. איך בין אַלץ אַן אייביגער קנעכט ביי דער תלמוד תורה".*)

אַ סוף צו אָט דער „קנעכטשאַפט" איז געוואָרן ערשט אין 1916, ווען דער צענטראַל קאָמיטעט פ.ג. דער חברה מפיצי השכלה אין פעטראָגראַד האָט באַשטימט פאַר אים אַ לעבנסלענגליכע פענסיע אין סכום פון דריי טויזנט רובל אַ יאָר.

אָבער אים איז שוין לאַנג נישט געבליבן צו לעבן. ער האָט דאַן אָנגעהויבן צו קרענקען — אַ זאַך, וואָס האָט פריער זעלטן ווען פּאַסירט מיט אים. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן אָרגאַניזם, נאָך אַ שטאַרקערן לעבנסווילן, און ער האָט זיך ניט אונטער־געגעבן דער עלטקייט. זיין הויכע שלאַנקע פיגור איז קיינמאָל נישט איינגעבויגן געוואָרן. „טאָג־טעגלאָך פלעגט ער מאַכן גימנאַסטישע איבונגען, וועלכע האָבן אים שטענדיג געהאַלטן מונטער און פריש. זיין אויפשטיין, זיין עסן און זיין נאָכמיטאָג־שלאָף איז אַלעמאָל פאָרגעקומען אין אַ באַשטימטער שעה".**) „אַלע אינדערפרי, סיי זומער, סיי ווינטער פלעגט ער נעמען אַ קילע וואַנע און האָט זיך שטענדיג געפילט פריש.***) וועגן טויט האָט ער ניט שטענדיג געטראַכט און ניט געוואָלט טראַכטן. „פאַר הונדערט יאָר", האָט ער געזאָגט אַמאָל ש. אַנ—סקי׳ן, ביז איך אייך ערב — און ווייטער וועלן מיר זען."****) אָבער אין 1916 האָט ער, ווי געזאָגט, זיך אָנגעהויבן בויגן אונטער דער משא פון די יאָרן. ער האָט שוין ניט געקאָנט אַזוי פיל אַרבעטן ווי פריער. ער האָט שוין ניט געקאָנט מער שרייבן מיט דער אייגענער האַנט. ער האָט געמוזט דיקטירן... וועגן טויט האָט ער אַלץ אויסגעמידן צו ריידן, אָבער ער האָט אָנגע־הויבן צו דערמאָנען אָפטער גאָט׳ס נאָמען, און האָט

---

*) „ליט. בלעטער", נומ 51, 1927.

**) ה. ל. זשיטניצקי אין „דאָס אידישע פאָלק", ניו יאָרק, 13־טן פעברואַר, 1920.

***) ז. שניאור: „פון זיידענ׳ס קוואַל", ז. 80.

****) „טאָגבלאַט", פעטראָגראַד, 1טן דעצ., 1917.

ליב געהאט צו זאָגן אַ קאַפּיטל תהלים, וואָס איז אים באַזונדערס שטאַרק געפעלן געווען...*)

אין אָנהויב 1917 האָט ער געקראָגן די ערשטע אַטאַקע פון עפּעס אַן עלטער־קראַנקהייט, דאַן די צווייטע. שפּעטער איז ער כמעט אינגאַנצן פּאַראַליזירט געוואָרן, און מען האָט אים איבערגעפירט אין אידישן שפּיטאָל. אַ פּאָר טעג פאַר'ן טויט האָט אים אָפּגענומען דער לשון. ער האָט נאָך געשאָקלט מיט די ליפּן, אַזוי ווי געוואָלט זאָגן דאָס לעצטע וואָרט, ער האָט געעפנט פון צייט צו צייט די אויגן... שבת כ"ג כסלו, תרע"ח (8טן דעצעמבער, 1917), פינף אַזייגער פאַרנאַכט, האָט ער זיי געשלאָסן אויף אייביג...

צו זיין לויה (מאָנטאג, דעם 10טן דעצעמבער) זיינען געקומען פאָרשטייער פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג אין אָדעס. אידישע קראָמען זיינען געווען געשלאָסן, פאַבריקן צוגעמאַכט, אין שטאָט האָט געהערשט טרויער. די תלמידים און לערער פון דער שול, וואו מענדעלי איז געווען דירעקטאָר, אידישע גימנאַזיסטן און סטודענטן, אַרבעטער, געשעפטסלייט, פּאַרטיי־דעלעגאַציעס, שריפטשטעלער — טויזנטער, צענדליגער טויזנטער האָבן זיך געצויגן צום בית־עולם, וואו, לעבן די קברים פון ש. פרוג, משה לייב ליליענבלום און אַנדערע אידישע שרייבער, איז אויסגעגראָבן געוואָרן אַ קבר פאַר דעם זיידן פון דער אידישער ליטעראַטור.

---

*) ב. עפּעלבוים: „דעם זיידנ'ס שבועה", „מאָרגן זשורנאַל" פון 18טן דעצ., 1927.